# אַלְטֶע אִידֶעשֶׁע זַאגֶען

אָדֶער

## סִפּוּרִים

וָואס הָאט זִיךְ גֶעטְרָאפֶען בַּייא אוּנְז אוּנ בַּייא לַייטֶען . פוּן נָאהֶענְטִין אוּנ פוּן וַוייטֶען . דֶער וַויילָע קוּמֶען דָא פָּאר נוּר זֶעקְס . דִיא גֶעשִׁיכְטֶע פוּן דֶעם ר׳ עַמְרָם אַלְטַארוּם רַאבִּינֶער פוּן סַארַאגַאזֶע . דִיא גִישִׁיכְטֶע פוּן אֵיינֶעם אַגֶעקִירְצְטִין יָתוֹם · דִיא גִישִׁיכְטֶע פוּן דֶעם קַארְפֶּעל דֶער פִידְלֶער . אַגֶעשִׁיכְטֶע פוּן אַגֶעוּוִיסֶען וַואכְט נַאכְט . דֶער פוּסְטֶער פַּאלַאץ פוּן אַמְשְׁטֶרְדַם אוּנ דֶער וואוּנְדֶער שְׁטֵיין וִוילְצֶע לַאפֶּע בַּייא לִינָאוֶוע .

### מאת אמ״ד .

---

## ווילנא


בדפוס האלמנה והאחים ראם

שנת תרל״ו לפ״ק


---

**АЛТЕ ИДИШЕ ЗАГЕНЪ,**

т. е. Старыя еврейскія сказки

Сочениніе А. М. Дика


ВИЛЬНА.

Въ типографіи Вдовы и братьевъ Роммъ,
на Жмудскомъ переулкѣ въ домахъ
подъ № 327 и 328.
1876.

Дозволено цензурою. 27 Января 1876 г. Вильна.

## איין ליד איבער דיא אלטע וועלט אלס איינע קליינע הקדמה צו דיזע ספורים.

א וויא וואונדער שיין וואר דיא פאריגע אלטע וועלט
אלס זיא וואר נאך ניט וויא היינט אזוי גאנץ אויף גיקלערט
דאן פלעגט אין איהר זייער פילע גרויסע נסים גישעהען
יעדער מענש האט אין איר זייער פיל וואונדער גיזעהען
אליהו הנביא פלעגט אימער אומהער ארום צו רייזין
אום זיך לעבען הארגע *) צו דיא פרומע ישובים צו באווייזין
צו דיא גרויסע חסידים פלעגט צו קומען פון הימעל אימער אשלום
עלטערין פלעגין צו גיין צו זייערע קינדער צו חלום
אום זייערע קראנקע מיט גיבראכטע קרייטער אוים צו היילען
אונ אויך אום זייא פילעס פון יענעם עולם צו דער ציילען
מקובלים פלעגין צו מייסטערין מיט דער אייזערנע נאטור
וויא איין גישיקטער זייגער מייסטער מיט איינער אור
האבין דיא שטערין גירוקט וויא אוייזער הין אונ הער
אונ זייער אפט אויך דיא גלגלים אין גאנצין גיטאן אקער
זייער אפט איינגיהאלטין אונ אמאל אויך צו גיטריבין
גאנץ ארוים גיהייבן פון דר קאלייע וואס גאט האט זיי פאר גישריבין
אויך בעלי שמות אונד בעלי השבעות ווארען דאן גרויס מייסטער
צו

---

*) עס וואר דאן גיגלויבט דאס אליהו הנביא האט גיזוכט ישובעשע לומדים בשעת זייא זיצען בלעבען דער הארגע אונ לערנען. אויך וואר גיגלויבט דאס עס קומען צוא דיא גרויסע חסידים גירישע פון הימעל.

צו היילן משוגעים וואס וואָרין געפּלאָגט פון רוחות און בייזע גייסטער

עס וואר דאן קיין דאָרף . קיין פאראפּיע . קיין קרעטשמע אָן אגלגול
וויא דאמאלס קיין שטאָט . קיין קהלה אָן אבלבול .
זיך וואָרען שדים אונטער יעדען בריק און פּוסטינע פול
וויא דאן דיא מתים ביי נאכט אין יעדער שטאָט שול
און יעדער פון זייא וואר איין שטיפענדער פאר פירער
פון יעדען פאר שוועכטין אבערגלויבישען פאסאזירער
אויף פלעגין זיי צו ווארפין שטיינער און קלאפּען אין די הייזער
אין מילין אין שייערין . אין שפּיזארנעס און אין ברייזער
און יעדער ישובניק האט אונטער וועגענס אימער גיפונדין
אשעפּס . אציג . אקאלב אויף אלע פיר גיבונדין
און וויא נור ער האט עס אין וואגין . וואר עס שווער וויא אליים
דאס דער פערד פלעגט צו בלייבען אָן כוחות ביז אהיים .
און דאן האט ער זיך מיט קראפט באלד לויז גיבונדין
און איז פאר זיינע אויגין באלד פאר שוואונדין
ביי אזעלכע ספורים וואס וואָרען דאן אין יעדער שטוב דר ציילט
האט זיך דיא אלטע וועלט זייער גוט פערגעניגט און פאר ווייילט
ליידער אין אונזערע נייע גאנץ אויף גיקלערטע צייט
איז מען פון אזעלכע קינדער גישיכטין זייער ווייט
דען דיא פערפלוכטע בילדונג האט צוריק איינגישטעלט
דיא אלטע נאטור אָרדענונג אין דער נייע ליכטיגע וועלט
און לאזט ניט ענדערין אין איר וואס אהאר איז ווערט
און פשיטא שוין ניט דאס דער גלגל זאל גיין פאר קערט
דיא שדים . דיא בעלי שמות פאר יאגט פאר טריבין
און מען איז נור ביי די אלטע גיזעצע פון דער בריאה גיבליבין
דאך אום דאס אויך מיט דיזען אלטען פערגניגין זאלין גיניסען
וועל איך דיר מיינע לעזערין איינינע ספורים לאזען וויסען .

---



## 1.

### „דער רבי ר׳ עמרם אלטארוס פון סאראגאזע"

נאך מיט אפאר הונדערט יאר פאר דעם גרוש פון שפאניען וואס וואר אין דעם יאר מזר"ה ישראל וואר אין דער שטאָט סאראגאזע וואס איז אין שפאניען *) איין גיוויסער ראבינער וואס האט גיהייסין ר׳ עמרם אלטארוס . ער וואר איינער פון דיא גרעסטע לומדים וואס וואָרען אין יענער צייט . דער צו נאך אגרויסער בעל מקובל און אגרויסער בעל מופת ער וואר אבער העכסט גאטעס פירכטיג און האט זיינע געטליכע קראפט גאנץ ווייניג גיברויכט . דאס הייסט נור אין גרויסין נויט פאל . און וואר אלזוי דארט אין שטאָט העכסט באליבט און גישעצט זעלבסט ביי דער קריסטען וועלט . דען ער וואר אזוי גוט . אזוי לייט זעליג . און גיפעליג צו יעדער מאן וויא פרום ער וואר נון וואלט פאר גיווים אזוי אמאן גיוועזען דר גליקליכסטער מענש אין דער וועלט . דען וואס נאך בעסערס קען אמענש . איין

---

*) אין דיזער שטאָט האבען זיך בעזעצט דיא ערשטע יודען וואס טיטוס האט זייא פון ירושלים פערטריבען קיין שפאניען און זייא אליין האבען איר גיבויט פון גרונד אויס און ווייל עס וואָרען אונטער דיזער אידעשער געמיינדע פילע לייט פון דיא סנהדרין וואס פלעגען צוא זיצען אין ירושלים אין איין געריכטס הויז וואס האט געהייסין „שער הגזית" האבין זיי איר גיגעבען אויך דעם זעלבען נאמען וואס איז מיט דער צייט געווארען פערגרייזט און איז געבליבען ביי דעם נאמען „סאראגאזע" עס איז נאך דארט צוא זעהען אויף דעם מארק דיא הורבע שטיינער מיט וועלכע זייא האבען געשטייניגט דעם ערסטען מיסיאנער וואס איז גיקומען זייא צו בעריידען צו דער קאטוילישע רעליגיאן .

אין שטערבליכער פאר לאנגען אין דיזעם לעבין. און דאך
וואר ער עס ניט דען ער האט קיין זון גיהאט נור איינע
טאכטער וואס האט אים גישטערט זיינע רוהע אויף זיינעם
עלטער. זיא האט גיהייסין הולדע (חולדה) און וואר דיא שענסטע
יונגפרויא פון איהרער צייט. און עס האבין גימאכט יאכט אויף
איר (נאכגעלויערט) דיא יונגע ריטער (קאוואלירען) פון דיא
גרעסטע אדעליגע פאמיליען. און דער רבי מיט זיינער
פרויא האבין גיהאט גינוג מיהע איר איין צו היטען פון זייא *)
דען עס וואר דאן איינע שליטע צייט. דאס יעדער מעכטיגער
העד האט אוים גיפיהרט זיין בעגער. און בפרט נאך געגין
איינען יודען.

דאך וואר דיא טאכטער מעהר גיזיכערט דורך דען גרויסן רוף
(שם) פון איהרעם פאטער אלם דורך זיינע שוואכע שמירה. דען
דער קיניג זעלבסט וואס האט דאן גיוואוינט אין דיזער שטאט
און וואס וואר אפריינד פון דער גיהיימע לעהרע (סתרי החכמה)
האט פון אים זייער פיל גיהאלטין האט אים מאנכע מאל זייער
רייך באשאנקען ניט קענענדיג איהם פערזוינליך און נור אום צו
דעם גרונד וייל עס וואר קיינע שיקליכע געלעגענהייט דער צו
און ביי אלעם דעם האט זיך איינער גיוואגט צו מאכען איינע
פרעכע (חוצפהדיקע) פאר זוכונג געגין דיזע הולדע אין איינעם
גיוויסען שבת צו שלש סעודות. אלם דער רבי איר פאטער
איז גיזעסין ביי דעם טיש מיט אקליינע מסבה. דיזער פרעכע
(חצוף) וואר איין יונגער ריטער פון איינער אנדערע שטאט וואס
האט

---

*) דער מדרש זאגט אין פרשת נשא אויף דעם פסוק (יברכך ה׳ וישמרך. יברכך ה׳ בבנים וישמרך בבנות שהן צריכות שמירה). דאס הייסט גאט וועט דיך בענשען מיט קינדער זכרים און וועט דיך איין היטען דיינע טעכטער. דען אטאכטער מוז האבען שמירה.



האט פון דעם רב ניט גיהערט און פשיטא ניט גיקאנט און
איז אקארסט גיווארין איין העפלינג אין (הויפמאן) ביי דעם
קיניג אין הויף און אלם ער האט דיזע הולדען דער זעהען צום
ערסטין מאל איז ער גיווארין אן גיצונדין וויא אצונטער פון איינער
ליידענשאפט (תאוה) צו איר און איז איר נאך גיגאנגען פון גאם
צו גאם ביז זיא איז אריין אין דעם יודען קווארטעל. און אלם זיא
האט גיוואלט אריין שוין אין דאס הויז פון איהרע עלטערין
האט ער זיא ערגריפען וויא איין וואלף אלאם. און האט איר
גיוואלט אוועק שלעפין צו זיך אויף זיינעם קווארטיר. און
האט גיגלויבט עס זייער לייכט אוים צו פירען. וייל ער
איז גיוואר גיווארין איצונד דאס זיא איז נור איין יודען קינד
נון ווער פון דעם יודענפאק ווירד זיך וואגען איינע האנד אויף צו
הייבען געגען איהם. ער איז דאך איין ריטער. איין הויפמאן
דער צו נאך גוט גיוואפענט.

ער האט זיך אבער דער ביי גאנץ געאירט. דען קוים
האט דאס מיידכען גיטאן אגישרייא. האט זיך ארוים גיחאפט
דער פאטער מיט דרייא קרעפטיגע יונגע לייט. וואס האבין דיא
הולדע ארוים גינומען פון זיינע קלויען און האבין אים דער נאך
זייער גוט דורך גיקיילט און האבין אים דורך גיטריבען דורך דיא
יודענפירטעל וויא איינעם הונדע וואס פאר אירט זיך אהין אום
ערב שבת.

נון פערשטייט זיך פון זעלבסט דאס דיזער שטאלצער
ריטער וואר דורך דעם אויף גיבראכט זייער שטארק אויף דעם
ראבינער. און אויף דעם גאנצען יודען קווארטעל. און ווען
עס וואלט נור מעגליך גיוועזן וואלט ער ניט גילאזט פון זייא
אלעבעדיגען נפש. צום אומגליק איז ער גיוואר גיווארין דאס
דער רבי שטייט גראדע אין גרויס אנזעהען ביי דעם קיניג.
אלזוי קען מען שוין דיא יודען ניט אזוי דערב (פראסט)
אנגרייפען וויא דיא יודען אין אנדערע ערטער. און האט
אלזוי

אלזוי גימוזט אפּוואַרטען איינע גוטע גילעגענהייט דער צוא אונ דיזעס האט זיך באלד איינגיפונען . דען אין איינעם יאר נאך זיינעם אנקומען צום קיניג אין הויף איז ער גיוואָרין זייער גרויס אונ העכסט גיפעליג ביא דעם קיניג דאס ער האט אן אים ניט גיטאן וואס איין האר איז ווערט אונ דיזע גרעסע (גדלות) האט גיזעהען דיזער שונא ישראל און צוא ווענדען צו דעם ראבינערס אונטערגאנג . אונ האט אלזוי אין איינער גינסטיגע (גוט געלעגענע) שטונדע אלס ער וואר מיט דעם קיניג אליין ביא איינער פלאשע ווין אויס גירעט אויף אלע יודען וואס זיינען אין דיזעם לאנדע גאר דאס ביז . ביותר אויף דיא יודען פון סאראגאזע . אונ באזונדערס אויף דעם ר׳ עמרם ער האט אים פאר גישטעלט פאר אים אלס איינען אלטען צויבערער וואס שאדעט דיא קריסטליכע וועלט פיל מעהר אלס ער נוצט . אונ האט דער ציילט פון אים אויס גידיינקטע שמוציגע גישיכטען דאס דער קיניג האט גימוזט גיט ווילענדיג לאכען . אונ האט אויס גיווירקט ביא אים דאס מען זאל אלע יודען ארויס יאגען פון לאנד דאס עס זאל ניט בלייבען פון זייא אין שפאניען איין שריד ופליט .

קוים אבער האבין זייא זיך אויף גיהייבין פון דעם טיש אונ דער קיניג איז זיך אריין אין זיין גאבענעט האט ער זיך אן גיהייבען איבער צוא לייגען איבער זיינעם פאר שפרעכען דאס ער זאל אלע יודען ארויס טרייבען אונ דעם ראבינער אין איינער אייביגע גיפיינגנים איינזעצען . אונ האט ביא זיך בעשלאסין דאס בעפאר ער וועט ארויס געבען דיזען בעפעהל . מוז ער זיך זעלבסט איבער צייגען צו איז עס וואר וואס דער יונגער ריטער האט זיך אים אן דער ציילט פון דיזעס וועלט בעריהמטען ראבינער פיליכט האט ער איין האס נור צו דיזען געטליכען מאן . דען ביז אים האט נאך קיינער שלעכטס גישפּראָכן פון אים . אונ פאר





קערט נאך זיין לויב האט פון יעדען מונד גיקוואלען . אונ דאהער איז ביא אים גיבליבין דאס ער זאל זיך פערקליידין אונ זאל אים זעלבסט אליין באזוכין אלס איין איינפאכער מענש וואס קומט צוא אים זייער אפט צו פרעגין ביא אים איבער דיא אומשטענדע פון זיין הויז אונ איז אלזוי אוועק צו אים פאר שטעלטערהייט (אינקאגניטא) מיט זיינעם אטרייען אונ פאר שוויגענעם (בעל סוד) אום נור צו ערגרינדען וואס פאר א מענש איז ער . דען דער קיניג האט גיהאט איין דורכדרינגענדין בליק וואס פרובירט אויס הערץ ׀ אונ נירען פון יעדען מענשען וואס נור ניט ווייס דאס ער איז דער קיניג אונ פאר שטעלט זיך אלזוי ניט אין איינער אונדורכדרינגליכע פרוסטע מאסקע .

דער קיניג איז אריין צו אים אין שטוב אונ איז גיווארען העכסט פאר וואונדערט אלס ער האט אים דארט דער זעהען דען נאך האט ער ניט גיזעהען אונ ניט פארגישטעלט זיך אין זיינעם לעבין אזוי איינע ווירדיגען גרייז וואס אין זיינעם גיזיכט וואר אויס גידריקט דיא וואהרע גאטעס פורכט אונ דיא גרעכטע מענשען פריינדליכקייט . דער צוא וואר ער זייער שיין גיוואקסען הויך אונ רונד זיין בארד וואס וואר ווייס ווייא דילבער האט אים גיגרייכט ביז דעם גארטעל . זיינע אויגען וואַרען קלאר אונ העל . זיין בליק שארף גאנץ גישאפין איין צו דרינגען אין דיא טיפסטע גיהיימניסע פון דער נאטור אונ זעלבסט אין דיא אונזיכטבארע וועלטען . דער צו וואר ער נאך גיקליידעט ווייא איינער דער (פאטריארכען) דאס הייסט וויא דיא אבות . זיין וואוינונג האט אויס גיזעהען מעהר אלס איין טעמפעל (בית המקדש) אלס איין גיוואוינליכעס הויז . אונ ער אין איר האט אויס גיזעהען וויא איין כהן צדק (איין פרומער פריסטער) .

ער איז גיקומען צוא אים פון אוועקער . אונ האט זיך פאר נייגט נעבען אים ביא דעם אריין גיין אין שטוב . ער

האט אים דער וויסט זיצענדיג ביי איינעם רעכענבוך פון זיינע צדקה געלטין. אונ האט אים אלזוי זייער פריינדליך געגריסט „פרידע צו אייך הער ראבינער" האט ער זיך צו אים אפ גירופין. אייער היילינגער גירוך שמעקט זעלבסט אין דיא ווייטעסטע לענדער זעלבסט אין דעם ווייטען אונגארען פון וואנען איך בין אלזוי געטליכער הער איך בין שוין לאנג פון צו הויז. אונ האב שוין פון דארט אצייט קיין שום ידיעה. אונ בין אלזוי העכסט באזארגט וועגען דעם אלזוי בעט איך דאס איר זאלט מיר פאר איינעם גוטען לוין געבען מיר איינע ריכטיגע נאכריכט פון דארט אונ צווייטענס ווען איך בין שוין איין מאל אין שאראנאזע וויל איך מיך איבערציינין וויסען (אויף קלאר) צוא איז אייערע געטליכקייט ווירקליך אזוי גרויס וויא עס הערט זיך אין דער וועלט.

אונ דיזעם זאל אייך גישעהען אומזיסט וויא אלען אנדערען האט אים דער ראבינער גיענטפערט. דאמיט איר זאלט וויסען דאס אידעשע צדיקים האבין דיא מתנה פון גאט צו טאן וואונדער אונ צו ענדערען דיא גיזעצע פון דער נאטור וויא ער אליין אונ דיזעם ריידענדיג האט ער אים אריין געפירט אין איינעם דונקעלין צימער וואס אין דעם גאנץ פערטיפסטען ארט פון זיין גיוועלב וואס וואר גראדע אין רעכטען מיטען איין געפאסט איין שפיגעל וואס האט דורך געשיינט דורך אים איין שיין וואס וואר האלב געלב האלב בלויא אונ זיינע ציטערענדע שטראהלען זיינען אלע ארונטער גיפאלען אויף איינעם גלאטען אונ שווארצען מארמארנעם טיש וואס איז גישטאנען אין צימער ריכטיג געגען דעם שפיגעל „אויף דיזעם טיש בעסטער הער" האט זיך אפגירופין דער ראבינער „זאלט איר אוויילע קוקין. דאן וועט איר אלץ זעהען וואס אייך נייטיג איז צו וויסען" כוים האט דער קיניג זיך גיזעצט ביי דעם טיש אונ
[illegible]



דיא אינעווייניקייט פון זיינעם פאלאץ. אונ האט גיזעהען אלץ וואס עס טוט זיך דארט אין דיזער מינוט. וויא יעדער בעדינטער פרעסט אונ זויפט אונ שטאפט אן פולע קעסענעס ער האט גיזעהען וויא זיין סעקרעטאר קראצט אויס פילע ערטער אין זיין זורנאל אונ שרייבט אנדערס איין. נאך מעהר האט ער גיזעהען וויא זיין ריטער זיין בעסטער פריינד וואס ער האט אים אזוי גימאכט גרויס ראמאנסירט זיך מיט דער קיניגין ער ליגט פאר איר אויף דיא קניא אונ בעט איר אום געגענליבע (דאס הייסט זיא זאל אים אויך אזוי ליבען וויא ער ליבט זיא) אונ אלס ער האט ביי איר גיט אויס גיווירקט. האט ער איר געדראהעט (געשטראסעט) דאס ער וועט איר אן שווארצען ביי דעם קיניג דאס זיא האט אים אן גימוטהעט צו איינער זינדע. דער קיניג איז גיווארען אויף גיקאכט ביי דיזע שצענע איז גיפאלען דעם ראבינער אויף זיינעם האלז אונ האט אים גידאנקט פאר דיזעם וואונדער וואס ער האט אים גיצייגט" דוא האסט מיר דיא אויגען גיעפענט היילינגער מאן" האט ער זיך צו אים אפ גירופען. דוא האסט מיך פון איינעם פאלשען מענשען גירעטעט פון איינעם פאר פיהרער. פון איינעם פאלשען אן קלאגער (לאזנע דאנאסציק). נון ווייס איך שוין וואו איך בין אין דער וועלט. דיזע ערשיינונג וואס איך האב דא איצונד גיזעהען איז ריכטיג איך גלויבע אין איהרער ווארהייט. דען איך האב אין איר גיזעהען מאנכע זאכען וואס איך נור ווייס אונ ווייטער נימאנד. נון שטוט זאל ווערען דער מונד דער וואס האט אויף דיר פאלשעס גירעדט. דוא ביזט ריין וויא איין אינגעל. היילינג וויא איין פראפעט. גירעכט וויא דיין נאם. נוא זייא וויסען דאס איך בין דער קיניג אונ בלייב דיין פריינד אונד דער פריינד פון דיין נאציאן פון היינט אן אין דער [illegible]

ער וואלט זיך פאר גיווים ובייא אים די גאנצע נאכט פערזאמט. דען עס וואר אים זייער שווער דאס שיידין זיך פון אים. ער האט זיך אבער זייער בעאיילט אהיים. ווייל דער ריטער וואר אים שוין וויא איין דארען אין אויג. און עס וואר אים שווער צו דולדען אים נאך אמינוט ביי זיך אין הויף. און האט אלזוי גינומען אפשייד פון דעם ראבינער מיט גרויס עהרע. און אלס ער איז גיקומען אהיים און די פרויא האט זיך איין ווייניג נור בעקלאגט פאר אים איבער די פרעכהייט (חוצפה) פון דעם ריטער האט ער אים באלד גילאזט איין שליסען אין קייטען. און האט אים אריין גיזעצט אין איינעם פינסטערעם טייל אויף ברויט און אויף וואסער פון וועלכעם ער איז לויז גיווארען ערסט נאך דעם קינינגס טויט. דאס הייסט אין איאר צוואנציג ארום. ער איז ארויס אגרויסער יודען פיינד. דען ער האט גיוואוסט פון דער גאנצער גישיכטע וואס וואר מיט דעם ראבינער. ער וואר שוין אבער דאן אהונט אן ציינער. דער צו נאך האט ער דער וויסט שוין אין הויף איין אידעשען מניסטער און איז אלזוי אוועק פון דארט מיט גרויס שאנדע און פארדרוס.

## 2.

### „בענדעט דער געקירצטר יתום“

פארצייטען האט גיוואוינט אין דער שטאט פראנקפורט דעמיין איין געוויסער יובעלענהענדלער איזאק שירמער ער וואר זייער פרום און גוט און דער צו אויך זייער רייך און האט פארלעבט מיט זיינער פרויא האנא פילע שטילע פרידליכע יארען. און האט מיט איר ערלעבט איין איינציגעס קינד. איינגעל וואס מען האט אים גירופין בענדעט. זייא האבען אים אבער גיהאט שוין צוא די עלטערע יארען. ער וואר שוין

שוין דאן איאר פינף און פופציג און זיא ניט צעהן יאר אינגער. און דאהער אלס דער פאטער איז גישטארבען וואר ער אלט קוים צוועלף יאר. אין אפאר יאר ארום איז די מוטער אויך גיווארען קראנק. אונד אלס זיא האט זיך גישפירט דאס זיא האלט ביי שטארבען. האט זיא גימאכט איהרען אקרוב פאר איין אפוטרפוס איבער איהרעם זון וואס וואר נאך דאן גאנץ צו קינדערש בערך זיינע יארען. און האט אזוי גאר קיין רעכטע השגה געהאט פון אלעם דעם וואס די מוטער האט מיט אים גיטאלקעוועט וועגען די ירושה. האט ער מער ניט גיוואוסט דאס מען האט איבער גיגעבען דעם אפוטרפוס אגרויסען קאפיטאל. און נאך די מוטערס טויט פלעגט ער הערען זאגען פון אלע לייטען. דאס איזאק שירמער איז גישטארבען זייער רייך.

אין יענער צייט וואר נאך ניט קיין שיראטסקע סאנד זעלבסט דארט. און ווען עס וואר יוא עטוואס דער פון וואר עס ניט פאר דעם אידען וואס מען האט אים דאן גערולדעט אין לאנדע וויא איינעם אונגעבעטענעם גאסט. און אידעשע יתומעשע קאפיטאלען פלעגען דאהער צו גרונדע גיין אין די הענד פון די גיוואוינליכע אפוטרופסים. און אזוי וואר דא אויך דער פאל מיט דיזעם יתום באלד וויא די מוטער איז גישטארבין האט אים דער אפוטרפוס אן גידונגען קעסט בייא איינער געמיינע וויטווע (אלמנה) פאר אטאלער אוואך און ער האט גירעכענט דרייא טאלער פאר דעם רב וואס ער פלעגט אים דארפען אפ געבען רעכענונג. און אזעלכע פאלשע רעכונקעס פלעגט ער צומאכען מיט יעדער הוצאה וואס ער פלעגט אויס צוגעבען אויף אים.

דער צוא נאך פארשטייט זיך דאס דער יתום האט גיהאט העכסט שמאלע ביסענס ביי זיינער ווירטין איז זיך גיגאנגען אפ געריסען און העכסט שמוציג. און אלס

ער

ער וואר שוין אלט איאר זעכצעהן. אונ זיינע לעבענס בעדירפענעס האבען זיך פאר מעהרט. האט ער זיך גימוזט פערדינגען. צו היטען אגארטען אונטער צו טראגען אלאסט. ביי איינעם קראנקען צו ווארטען אונ דאס גלייכען. אונ וואר זייער דינסט פערטיג (פארטיג צו דינען) דאס הייסט פאסלוסנע יעדער מענשען דאס ער האט בעקומען דעם נאמען דער גוטער בענדעט. אונ דער צו האט אים גיבראכט דער גרויסער נויט. דען עס פלעגט אים אנציקומען מוצי צו זיין אגראסען פון זיין אפוטרפוס וויא אהאר פון פעך. אונ בפרט נאך וויא ער האט נאן גיהייבען עפעס צו פארדינען. אונ ווייל ער וואר אין דער שטאדט גאנץ עלענד. דאס עס וואר ניט ווער עס זאל איין ווארט ריידען פאר אים מיט דעם אפוטרפוס וואס וואר אנביר אונ אתקיף. אונ האט אזוי ניט גיהאט פאר וועמען זיין הערץ אויס צוא גיסען פלעגט ער זיך אין זיינע פערקימערטע צייטען אלם ער האט ניט גיהאט וואס צו טאן אונ דער צו נאך מאנגעל גיליטען. אוועק צו גיין אויף דעם בית עולם אונ פלעגט זיך אויס צוא וויינען אויף דיא קברים פון זיינע עלטערען וואס זיינען גילעגען איינער לעבען דעם אנדערען. ער פלעגט זיך מיט זייא אונטער צוא האלטען וויא מיט לעבעדיגע עלטערין. ער פלעגט זייא צו דער ציילען דיא גראבע בעהאנדלונגען פון זיינעם אפוטרפוס. פון זיינע פאר דינסטען. פון זיינע פריידען אונ ליידען אונ פלעגט זיך דאן אוועק צו גיין מיט איינעם ערלייכטעטען הערצען. אין מאנכע צייטען וואס ער וואר ביי טאג פארנומען. אונ האט גיהאט מאנכע נייעקייט זייא מיט צו טהיילען פלעגט ער זיך גיין אהין ביי נאכט „מיינע עלטערען ווארען מיר גוט" פלעגט ער צוא זאגען אם לעבען. נון זיינען זייא מיר גיווים גוט אויך נאך דעם טויט אלזוי שרעקט מיך ניט אפ זעלבסט דיא גייסטער שטונדע אהין צו גיין אונ צו דער ציילען זייא מיינע טאגעס





בעגעבענהייט. אונ דיא אנדערע מתים וועלען געוויס ניט אזוי גראב זיין ניט צו צו לאזען אקינד צו דיא עלטערען.

אזויא האט זיך געפירהט אונזער בענדעט ביז ער איז געווארען אלט איאר צוואנציג. ער וואר דאן אזוא אום שולדיג (אתבים) וויא אין זיין צענטען יאר. ער האט פון קיין שלעכטעס געוואוסט. אונ וואר צוא פרידען מיט זיך זעלבסט אונ מיט דער גאנצער וועלט׳ נור מיט איינעם ניט. אונ דיזער איינער וואר עס דער אפוטרפוס. דען וויא אויך ער וואר גאנץ מעסיג אין זיינעם פאר שטאנד דאך האט ער זייער גוט פאנעמאיעט דאס זיין אפוטרפוס איז איין סורקע (בעטריגער) אונ בעהאנדעלט אים זייער שלעכט. דאך אבער דאס ער זאל וועלין אים בערויבין זיינע גאנצע גרויסע ערבשאפט דאס איז אים נאך אויף זיין גידאנקען ניט ארויף געקומען ביז איינער געוויסען געלעגענהייט וואס עס האט זיך ביי איר ארויס געוויזין שוין אויף קלאר דאס דער אפוטרפוס מיינט עס טאקע אונ האט עס נאך ארויס געוויזען גאנץ דייטליך אונ גאנץ אונפארשעמט. אונ דיזע געלעגנהייט וואר זיינע אונשולדיגע ליבע צוא איינער מיידכען וואס וואר אויך אקינד דעם עלענדעס איינע יתומה פון איאר אכצעהען וואס איר אפוטרפוס האט איר אויך באשטעלט קעסט ביי דיזע געמיינע אלמנה וואו אונזער גוטער בענדעט וואר בעשטעלט זייא ווארין דארטין בעזאמען שוין איאר זעקס אונד ווארען זיך זייער גוט איינער דעם אנדערען. זיא פלעגט אים ארום זעהען זיינע וועס. פאר ריכטען זיינע זאקען. דער האלטען זיינע עסין ווארעם אויף דער קיך. אונ צוא זעהען אים אין זיינער קראנקהייט זייער אפט. אונד ער פלעגט איר אפט צוא קויפען אפאצייילקע. אטיילקע באוויל. אפאלשע בוזעם שפילקע. אקאם. אזוי האט זיך עס אלם פאסירט ביז זיין צוואנציגסטען יאר. אונ דאן האט ער אן גיהויבין צוא דיינקען פון איינער הייראט איך בין שוין צוואנציג יאר האט ער ביי זיך געטראכט

אלזוי איז שוין הויכע צייט איינע פרויא צוא נעמען. אונ נעמען אוייב דארף מען נור פון זיינעם גלייכין אונ אזוא ווערדע איך אויך טאן אלזו האב איך פאר מיך קיינע גלייכערע פארטי (כלה) אלס דיא קונעגונדע (נענעדעל) (דאס הייסט דיא זעלביגע מיידכען וואס זיא איז אויך איינע קעסט קינד אין דעם זעלביגין הויז וואו ער זיך בעקעסטיגט) דען זיא איז אויך אזוא עלענד וויא איך געוואוינט צום הארטען ארעמען לעבען אונ האט נאך דער צוא איינע קליינע ערבשאפט אין דיא הענט פון איר אפוטרפוס. נון וועל איך מיט איר שפרעכען איך זעלבסט ווערדע מיך שאדכענען צוא איר. איך גלויב זיא איז מיר גוט. זיא ליבט מיך אונ ווערט מיך ניט אפ זאגען אונ דאן בין איך גליקליך.

אין איינינע טעג ארום ביא איינער גוטען געלעגענהייט אלס נור זייא ביידע ווארין אין שטוב. האט ער איר גימאכט דיזעם פאר שלאג אונ עס האט אן גיהאקט. דאס הייסט ער האט באקומען פון איר איין יא ווארט איך בין מיט דיר בענדעט העכסט צוא פרידען האט זיא אים געענטפערט דען איך בין בעסערס ניט ווערט אונ בעסערס ווינצע איך אויך ניט דען מיר זיינען ביידע פון גלייכין קאליבער. ביידע עלענדע ערליכע וועזענס נור איינע זאכע שטייט אונז אין ווענ מיין טייערער בענדעט. דיא פראגע פון וואנען וועלען מיר לעבען פון דיינע קליינע ארעמע פאר דינסט וועלין מיר ניט קענען זעלבסט דירה געלט באצאלין. מיינע קליינע ערבשאפט געזאגט איך וועל עס אפ נעמען וועט עס ניט קלעקען צוא בעלאטען אונז אונ איינע קליינעווירטשאפט איין צו שאפען זיך. אלזוי נון גלייכער צוא דינען אלס בעטלען צוא גיין נאך דער חתונה דער פאר האב איך איינע רייכע ערבשאפט האט ער זיך אפ גירופין איך גלויבע מער אלס טויזענד דוקאטען דען אזוא האט מיר גיזאגט מיינע מוטער פאר איר טויט. אונ פאר צערט האב איך ביז אהער וויא איך גלויבע זעלבסט ניט מיין פראצענט פון דיזעם קאפיטאל אם





העכסטען הונדערט טאלער איאר דען איך האב מיך בענאהע אליין געזוכט אונ גיקלייט אונ אליין דער לערינט דיא ביסעלע אידעכקייט וואס איך קען. ווען אזוא האט זיא זיך צוא אים אפ גירופין האבין מיר ניט מער וואס צוא ריידען צוא ווישין אונז. מיר זיינען וויא געזאגט שוין חתן אונ כלה אונ דער ליבער גאט איז ציינע אונ האבין זיך גענעבען דיא הענט. אונ האבען ביידע געוויינט דאס זייערע ביידענס עלטערען זיינען ניט דא ביא דיזעם הייליגין בונד. אונד האבען גאט גיבעטען. דאס זייער זיווג זאל עולה ליפה זיין.

אויף מארגען איז זיך אונזער בענדעט אוועק געגאנגען צו זיינעם אפוטרופוס. ער האט אים דער וויסט צוא הויז זיצענדיק איבער אגמרא אין אלאנגין טלית קטן דען ער וואר אגרויסער למדן ער האט גיהייסען ר' דוד שאליטע אונ וואר איין גרויסער חשוב אין שטאט. עס וואר דאן פרייטיג נאך האלבין טאג. אונ דער הייליגער שבת האט זיך שוין דארטין איין גיקוואטירט פון צעהען דעם זייגער. דיא טישין גיגרייט. ליכט אן גישטעקט אין דיא לייכטער. דיא ווייב וואר שיין אן געטאן שבתדיק אונ וואר שוין פארטיג אונ ברייט צוא בענצין ליכט ביא דעם ערסטען בעפעל פון מאן אויב וואויל עס וואר נאך גוטע פיר שטונדען צוא זונען אונטער גאנג. אלזויא וואר דאס ערשיינען פון דיזעם יונגין מענשין פאר געווים ווענין אדבר חול דאס הייסט מכח געלט זאכין אין דיזעם הייליגען ארט אמין חלול שבת רחמנא לצלן (גאט שיצע אונז) דאס דיא פרויא איז גיווארין אן גיצונדין וויא איין פייער האט זיך אויף געהאפט פון איר שטול האט צוא געמאכט דעם טייץ חומש אונ האט אויף גיעפינט איין ברייטין מויל אוים וועלכען עס האט זיך אן געהויבין צוא גיסען שוועביל אונ פעך אויף דיזעם עלענדען יונגען מאן וויא פון איינעם פייער שפייענדען בערג דיא ברענענדע אונ שמעלצענדע לאווע. זאג מיר דוא שליינגעל (ארום לייפער) האט זיא זיך אפ

גערופין צוא אִים מִיט הַאסְט. דוא הָאסְט אויך קֵיין אַנְדֶער צַייט נִיט צוא פַאר דוּרֶען אוּנְז אַמוּהַ וִויא נוּר אום עֶרֶב שַׁבָּת. אַלְס מֶען הָאט קֵיין צַייט אַנָאז אָפּ צוא וַוִיסֶען. עֶס פַאלְט פוּן דִיא הֶענְד דָאס מֶען וַוייס נִיט וָואס פְרִיעֶר צוא טָאן. מִן הַסְתַּם בִּיזְט דוא דָאךְ גִיקוּמֶען ווִידֶער מְכַּחַ גֶעלְט. שַׁארֶע דִיךְ צוּם הַיינְקֶער עֶס אִיז אִיצוּנְד קֵיין רֵייד פוּן גֶעלְט בַּייא אוּנְז אִיז שַׁבָּת אוּנ דָאס זֶעלְבֶּע דַארְף זַיין בַּייא דִיר אויךְ. דֶען דוא בִּיזְט דָאךְ אויךְ אַיין אִיד. קְלֵיין אִיז אַזוֹא אַבֵּיינְגֶעל צוא זַיין אִיצְט שׁוֹין אִין שׁוּל אוּנ צוּ זָאגֶען שִׁיר הַשִּׁירִים אַלְס אום צוּ לַייפֶען אִין דִיא גַאסֶען אוּנ צוא נַאסֶען. דַיין שַׁבָּת אִיז פַארְטִיג וָואס דַארְפְסְטוּ אִיצְט גֶעלְט. אויף דִיר מַיין מַאן (וָוענְדֶעט זִי זִיךְ צוּ אִים) הָאט זִיא צוּ אִים גִיזָאגְט אויף דִיר אִיז מֶער נִיט וִויא רֶעכְט נֶעמְסְט אויף זִיךְ נוּר קְלַאפְּאטֶען אוּנ וַוייטֶער גִישְׁט. דוא זֶעהֶעסְט אוֹיס וִויא אַיין שׁוֹר ההפקר (דָאס הַייסְט וִויא הֶערְרֶענְלויזֶער אָקְס) וֶוער עֶס וִויל שְׁפַּאנְט אִים אַיין. אַזוֹי דִיר וֶוער עֶס וִויל פֶערְדְרֵייט דַיין קָאפּ. עֶס הָאט דִיר נָאךְ מֶער נִיט וִויא גֶעפֶעלְט צוא זַיין אַיין אַפּוטְרָפּוּס אִיבֶּער אַזוֹי אַטוֹיגֶענִיכְטְס (נֶעגַאדַיַיא) דוא וֶועסְט פוּן אִים נִיט לוֹיז וֶוערֶען בִּיז דַיין לֶעצְטֶען טָאג. עֶר אִיז דָאךְ אַבְּהֵמָה. עֶר וַוייס דָאךְ גָאר נִיט פוּן אַרֶעבֶּענוּנְג. אוּנ וֶועט מַיינֶען דָאס זַיין גֶעלְט קְוֶועלְט בַּייא דִיר וִויא אַוואסֶער. רֶעכְט אויף דִיר אִיךְ הָאבּ דִיר דַאן גֶעוֶועהְרְט. דוא הָאסְט מִיךְ אָבֶּער דַאן גָאר נִיסְט גֶעהֶערְט. נוּן זַייא דִיךְ מַטְרִיחַ אוּנ גֵייא צוּ אִים אַרוֹיס אִין פָאדֶער שְׁטוּבּ. עֶס פֶעלְט דִיר מֶער נִיסְט דָאס עֶר זָאל אַרַיין נָאךְ אַהֶער אוּנ זָאל מִיט זַיינֶע צוּרִיסֶענֶע אוּנ קוֹיטִיגֶע שִׁיךְ אַיינְשְׁמוּצֶען דִיא פַאדְלָאגֶע וָואס מֶען הָאט אִיר קוֹים נֶעכְטֶען רַיין גֶעמַאכְט. דוא וֶועסְט הָאבֶּען פוּן דֶער דִינְסְט אִידֶענֶע הָמְנִם מַפָּלָה“.

„דָאךְ זַיינֶען זַייא נִיט אַזוֹי בַּייז מַאדַאם“ הָאט זִיךְ אָפּ





גִירוּפֶען דֶער בֶּענְדֶעט „עֶרְסְטֶענְס בִּין אִיךְ בַּייא אַייךְ אַגַאנְץ זֶעלְטֶענֶער גַאסְט. דָאס עֶרְסְטֶע מָאל הַיינְטִיגֶע יָאר אוּנ צְוַוייטֶענְס בִּין אִיךְ גָאר נִיט גִיקוּמֶען וֶועגֶען גֶעלְט. אִיךְ בִּין נוּר גִיקוּמֶען אָנְמֶעלְדֶען דֶעם הֶערֶען דָאס אִיךְ וֶועל וֶוערֶען אַחֲתָן. אוּנ בִּין אַלְוַוי גִיקוּמֶען זִיךְ מְיַשֵּׁב זַיין מִיט אִים. דֶען עֶר אִיז דָאךְ מַיין אַפּוטְרָפּוּס“ אוּנ וָואס אִיז דִיא הַיילֶענֶעם שַׁבָּת צוּ לִיכְט בֶּענְצֶען הָאט זִיא זִיךְ אָפּ גִירוּפִין נוּר נִיט גֶעעֶרִיעֶן מַאדַאם עֶרְסְטֶענְס הָאבּ אִיךְ נִיט גִיוואוּסְט אַז אִיר נֶעמְט אָן שַׁבָּת אַזוֹי פְרִיא דֶען עֶס אִיז נָאךְ גוּטֶע פִיר שְׁטוּנְדִין צוּ לִיכְט בֶּענְצֶען. אוּנ אִין גַאס זַיינֶען נָאךְ אָפֶען אַלֶע בּוּדֶען בַּייא דִיא פְּרִימַסְטֶע יוּדֶען. אוּנ צְוַוייטֶענְס אַזוֹי אַיין עִנְיָן וָואס אִיז שַׁיִיךְ צוּ אַשִׁידוּךְ וֶוערְט גָאר נִיט אָנְגִירוּפִין אדבר חול (אַוָואכֶעדִיקֶער אִינְטֶערֶעס) זֶעלְבְּסְט דִיא פְּרִימַסְטֶע לַייט בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען זִיךְ דֶער מִיט אום שַׁבָּת גּוּפָא. אוּנ בִּפְרַט נָאךְ בַּייא אַיְתוֹם. וּמִכָּל שֶׁכֵּן בַּייא מִיר וָואס אִיךְ בִּין אַגַאנְצֶע וָואךְ וִויא אַיָאג הוּנְד. דֶען אִיךְ מוּז דָאךְ מִיר פַארְדִינֶען אויף אַשׁוּךְ אויף אַקְלֵייד אוּנ אויךְ אַרֶעבִּין צָאלֶען. דֶען לְבַד דִיא אָרֶעמֶע קֶעסְט וָואס אַייעֶר מַאן צָאלְט פַאר מִיר. הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פוּן כַּמָּה יָאר קֵיין גְרָאסֶען פוּן אַייעֶר מַאן בֶּעקוּמֶען. אוּנ אַזוֹי עֶר אויךְ אִיז אַגַאנְצֶע וָואךְ זַייעֶר פַארְדְרֵייט אִין שְׁטָאט זַאכֶען. שַׁבָּת אִיז עֶר בַּייא אֲסִיפוֹת. דַאהֶער הָאבּ אִיךְ מִיר אוֹיס גִיקְלִיבֶּען גְרַאדֶע דִיזֶע צַייט וָואס עֶר אִיז אִין אִיר אִימֶער לֵיידִיג. לַייט הָאבִּין מִיר שׁוֹין לַאנְג אֲפִילוּ אָן גִירֶעט דָאס אִיךְ זָאל נֶעמֶען בַּייא אַייעֶר מַאן אַלֶע וָואךְ אויף זַייטִיגֶע הוֹצָאוֹת אוּנ אויף שׁוּכֶען אוּנ קְלֵיידֶען. אוּנ זָאל מִיךְ אויף פִירֶען אָנְשְׁטֶענְדִיג נוּר אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט בֶּעסֶער שְׁפָּארֶען דַאמִיט אִיךְ זָאל צוּ מַיינֶער חֲתוּנָה הָאבֶּען מַיין קַאפִּיטַאל אִין גַאנְצֶען“.

„הַא וָואס!“ הָאט זִיךְ אַרוֹיס גִיחַאפְּט דֶער ר׳ דָוִד מִיט כַּעַס

וָואס רָעטְסְט דוּא ? דוּא הָאסְט בַּייא מִיר קַאפִּיטַאל ? בִּיזְטוּ אַרָאפּ פוּן זִינֶען ? אָדֶער עָס הָאט דִיר וָוער עָס אִיז אָנְגָערָעט ? גַייא גֶעזוּנְטֶערְהֵייט . דַיין רָעכֶענוּנְג אִיז בַּייא דָעם רָב . דוּא הָאסְט בַּייא מִיר קַיין גְרָאסֶען . אוּנ וָוען דוּא בִּיזְט אַזוֹי וַוייט אוּנְפַארְשֶׁעמְט מוּזְטוּ דוּא שׁוֹין אַלֵיין בֶּעצָאלֶען דַיינֶער וִוירְטִין פַאר דָעם פֶערְגַאנְגֶענֶעם חוֹדֶשׁ . אוּנ וַוייטֶער מִכֹּחַ דָעם שִׁידוּךְ וָואס מֶען רֶעט דִיר . מֶעגְסְטוּ פוּן מַיינֶעט וֶועגֶען טָאן מִיט וָועמֶען דוּא וִוילְסְט דֶען דוּא בִּיזְט שׁוֹין קַיין אִינְגֶעלֶע נִיט אוּנ צְוַוייטֶענְס וִויל אִיךְ מִיךְ נִיט אַרַיין מִישֶׁען אִין דֶעם . דֶען בַּאלְד וֶועט עֶס הַייסֶען דָאס אִיךְ בִּין אַמְחוּתָּן אוּנְד עָס וֶועט קָאסְטֶען גֶעלְד . אַזוֹי לָאז מִיךְ צוּ פְרִידֶען אוּנ גֵייא דִיר אִין גָאטֶעס נָאמֶען . דֶען אִיךְ הָאבּ מֶעהְר וִוירְטִיגֶעס צוּ טָאן אַלְס צוּ דֵיינְקֶען אַרוּם אַשִׁדוּךְ פַאר דִיר .

„אַלְזוֹי זַייט אַייךְ גִיזוּנְד לִיבֶּער הֶער“ הָאט אִים דָער בֶּענְדָעט גִיעֶנְטְפֶערְט מִיט אֵיינֶע פַארְקְלֶעמְטֶע הָערְצֶען אוּנ אִיז אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ נִיט וִויסֶענְדִיק . וואוּ הִין צוּא גֵיין . אוּנ זִיךְ צוּ וֶוענְדֶען . דֶען לוֹיט וִויא עָר הָאט גִיהֶערְט פוּן זַיינֶעם לִיבֶּען אַפּוּטְרָפּוּס דָאס עֶר מוּז זַיינֶער וִוירְטִין שׁוֹין זֶעלְבְּסְט בֶּעצָאהְלֶען . הָאט עָר שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט זַיין בַּייא אִיר שַׁבָּת דֶען עֶר הָאט נִיט מִיט וָואס צוּא צָאלֶען . אוּנ אִיז אַלְזוֹי גִיקוּמֶען צוּ אִיר נוּר זָאגֶען דָאס זִיא זָאל זִיךְ נִיט רִיכְטֶען אוֹיף אִים אוֹיף שַׁבָּת וַוייל עֶס הָאט אִים אֵיינֶער שׁוֹין בֶּעשְׁטֶעלְט צוּ זַיין אֵיינִיגֶע טָעג בַּייא זַיינֶעם אַקְרַאנְקֶען . אוּנ הָאט זִיךְ אַלְזוֹי אִיבֶּער שַׁבָּת אוּמְגִיטְרִיבֶּען אִיבֶּער דִיא גַאסֶען נִיט גִיגֶעסֶענֶערְהֵייט אוּנ פְרַייטִיג צוּ נַאכְט הָאט עָר גִינֶעכְטִיגְט אִין פַּאקְשְׁטוּבּ פוּן בָּאד . עֶר הָאט דָארְט נוּר גִינֶעכְטִיגְט אָבֶּער נִיט גִישְׁלָאפֶען דֶען עֶס וַואר אִים זַיין גֶעמִיט זֵייעֶר עֶרְצִיטֶערְט פוּן דֶער שְׁצֶענֶע וָואס וַואר מִיט אִים דָארְט בַּייא דָעם ר׳ דָוִד שַׁלִיטָא . וָואס הָאט אִים בָּערוֹיבְּט דִיא גָאלְדֶענֶע הָאפֶענוּנְג





צוּא הֵיירַאטְהָען זַיינֶע גִילִיבְּטֶע קוּנֶעגוּנְדֶען (נֶענֶענְדֶעל) . אוּנ הָאט זִיךְ צוּא בְּרָאכֶען דָעם קָאפּ קְלֶערֶענְדִיק וִויא קֶען זִיךְ אִין אַיינֶעם מֶענְשְׁלִיכֶען הָערְצֶען קָאמְנֶעקִירֶען אַזֶעלְכֶע צְוַוייא הֲפָכִים וִויא אִין דָעם הֶערְצֶען פוּן דָעם ר׳ דָוִד שַׁלִיטָא . צוּ זַיין אַזוֹי פְרוּם אוּנ אַזוֹי וִוידָער פַאר דָארְבֶּען . „אָ לִיבֶּער גָאט !“ הָאט עָר נִידַיינְקְט בַּייא זִיךְ אִין הֶערְצֶען . אַזוֹי וַוייט זַיינֶען דָאךְ דַיינֶע מֶענְשֶׁען דוּם אוּנ פַאר דַארְבֶּען דָאס זַייא מֵיינֶען דִיךְ צוּא בֶּעטְרִיגֶ׳ן . דָאס עָס אִיז רָעכְט בַּייא אַזוֹי אֵיינֶעם דָער פָארְנֶעמְסְטֶע פוּן צוּ בֶּערוֹיבֶּען אַגְרוֹיסֶען פַארְמֶעגֶען פוּן אַזוֹי אֵיינֶעם עֶלֶענְדֶען יָתוֹם וִויא אִיךְ בִּין דָאס הַייסְט גֶעשֶׁענְדֶעט דִיא מֶענְשְׁהַייט אוּנ דִיא רֶעלִיגְיָאן בַּייא זַאמֶען .

שַׁבָּת פַאר נַאכְט אִיז עָר גִיקוּמֶען צוּ זַיינֶער וִוירְטִין אוּם זִיךְ נוּר צוּ זֶעהֶען מִיט זַיין כַּלָּה אוּנ צוּ דֶער צֵיילֶען אִיר פוּן דֶער תְּשׁוּבָה וָואס עָר הָאט גֶעהַאט פוּן זַיינֶעם לִיבֶּען אַפּוּטְרוּפּוּס אוּנ הָאבֶּען בֵּיידֶע זִיךְ אַרַיין גִיוַויינְט טְרֶערִין אִין דִיא אוֹיגֶען אֵיינֶער פוּן דֶעם אַנְדֶערֶען . אוּנ הָאט גִינוּמֶען פוּן אִיר אָבְּשֵׁייד בַּאלְד נָאךְ מַעֲרִיב (אוּם וִויא עֶר הָאט גִיזָאגְט) אוּם צוּ גֵיין צוּ דָעם קְרַאנְקֶען וָואס מֶען הָאט אִים צוּ אִים בֶּעדוּנְגֶען עָר אִיז אָבֶּער אַנְדֶערְסְווֹאוּ גִינַאנְגֶען . דֶען אִין דָער וִוירְקְלִיכְקַייט וַויא מִיר וַוייסֶען וַואר עָר גָאר נִיט בֶּעשְׁטֶעלְט בַּייא אֵיינֶעם קְרַאנְקֶען . עָר אִיז אַוֶועק אִין אַזוֹי אַיין אָרְט וואוּ קַיין לֶעבֶּענְדִיגֶע זֵילֶע קוּמְט אַהִין שַׁבָּת צוּא נַאכְט אוּנ דָאס אִיז אוֹיף דֶעם בֵּית עוֹלָם אוֹיף דֶעם קֶבֶר פוּן זַיינֶע עֶלְטֶערִין . הָאט זִיךְ דָארְט אַנִידָער גִילֵייגְט . אוּנ הָאט פַאר זֵייא דֶער צֵיילְט וָואס עָס הָאט מִיט אִים פַּאסִירְט אִין דָעם פַארְגַאנְגֶענֶעם פְרַייטִיג מִיט דָעם אַפּוּטְרָפּוּס עֶר הָאט אִים אָנְגִיקְלָאגְט אוֹיף טוֹיט אוּנ לֶעבֶּען . אוּנ הָאט פֶערְלַאנְגְט פוּן זֵייא הִילְפֶע . אוּנ הָאט פַאר מִישְׁט זַיינֶע טְרֶערֶען מִיט דֶעם טוֹיא וָואס הָאט בֶּענֶעצְט דִיא גְרֶעזֶער אוּנ דִיא קְרַייטֶער וָואס הָאבֶּען גֶעוואַקְסֶען אוֹיף

זייער גראב. עס וואר ציינע דער פון נור דער שטילער מאנד וואס האט בעלויכטען מיט זיינעם ציטערענדען בלייכען שיין דיא גאנצע געגענד; אונ דיזען בית עולם.

ער האט געוויינט וויא עס איז אים צוא גיקומען דען עס וואר שוין מעהר קיין ארט פאר אים אין דער גרויסע איינגע וועלט. אונ האט אלזוי זייער שטארק מקנא געוועזן אן דיא וואס שלאפען דא שוין לאנג דעם אייביגען שלאף ער האט גיוויינט ביז ער איז איינגעשלאפען זייער שטארק. אונ עס האט זיך אים גיטרוימט איין וואונדערליכער טרוים איין טרוים וואס האט זיך אין דער זעלביגע נאכט פאר ווירקליכט (מקויים געווארען). עס האט זיך אים גידוכט דאס דיא מוטער איז אויף גישטאנען פון קבר. האט אים אפגעוויסט דיא טרערען פון דיא אויגין אונ פון דיא באקען האט אים גיגעבען אקוש. אונ האט זיך בעשפראכין מיט אים זייער פריינדליך. האט אים בערוהיגט וועגען זיינע צוקונפט (דאס הייסט וועגען דעם עתיד) אונ האט אים צו גיוואונצין גליק צו זיין שידוך האט אים אויך גיבענצט דאס ער זאל אוים פירען אגוטען דור. אונ לסוף האט זיא אים ארייין גילייגט אין האנד אקליין בלומעלע אונ האט אים דער ביי אוים גיזאגט דיא סגולה פון איר אונ וויא ער זאל זיך בעגיין מיט איר. אונ האט אלזוי גינומען אפשייד פון אים אונ האט אים הערצליך גידאנקט פאר זיינע אפטערע בעזוכע וואס ער האט גימאכט אויף זייערע קברים. אונ האט אים נאך פערזיכערט איינע גוטע דרשה גישאנק צוא געבען צו דער חתונה אונ האט זיך אלזוי אומגעקערט צו ריק צו איהרע רוהע. אונ דאן האט זיך דער בענדעט אויפגעהאפט אונ האט ווירקליך דער וויסט איינע בלומעלע אין זיינער האנד. אונד וואר אלזוי מלא שמחה דער פון דען ער האט גיגלויבט דאס דיזער חלום זאל שוין מקויים ווערען אין גאנצען. דיזע בלומעלע

זאל



זאל האבען אין זיך דיא סגולה ווערדליג דיא מוטער האט אים גיזאגט אין טרוים. דאס דער וואס האלט איר אין האנט ווערט אונזיכטבאר דאס הייסט איין (רואה ואינו נראה). ער זעהעט אלעס אונ נימאנד זעהעט אים. אונ האט אלזוי געהאט באלד איינע גוטע געלעגענהייט צוא מאכען אפראבע מיט דיזער בלומעלע וואס האט אים באלד איבערצייגט (אבליצעט) דאס דיא בלומעלע בעזיצט ווירקליך דיזע קראפט פון (רואה ואינו נראה). דען באלד וויא ער האט זיך אויפגעהאפט אונ האט דער וויסט דיא בלומעלע ביי זיך אין האנד איז ער אראפ פון בית עולם אום צו קומען אין שטאט ערסטענס ווייל עס איז אים גיווארען זייער קאלט. דען ער וואר דורך גינעצט פון דעם נעכטליכען טויא. אונ צווייטענס ווייל ער איז גיווארען פון דיזעם טרוים זייער ערציטערט. אונ האט שוין גיהאלטין דעם ארט צוא פאר היילינין אום דארט צוא שלאפען האט דער ביי אוים גישפראכען דיא ווערטער פון יעקב אבינו וואס ער האט גיזאגט אלס ער האט זיך אויפגעהאפט נאך דעם געטליכען חלום וואס ער האט גיזעהען שלאפענדיק דארט אין לוז „אכן יש ה׳ במקום הזה ואנכי לא ידעתי“ דאס הייסט עס איז ווירקליך דא גאט אין דיזער שטעלע אונ איך האב נית גיוואוסט אונ איז זיך אלזוי גיגאנגען מיט מוטה אונ מיט פיל פערטרויען אויף גאט ביז ער איז גיקומען צו דער שטאדט. ער האט אבער דער וויסט דעם טויער פון דעם וואל פאר שלאסען. דען עס וואר שוין ארום צווייא דעם זייגער ער האט אציא געטאן פאר דעם גלאקען שנור דאס דער טויער וועכטער וואס איז פון איגעוויינינ זאל אים עפענען. יענער האט אים גיפרעגט ווער איז ער אונ דיזער האט אים גיענטפערט „איך בין בענדעט שרמער“ דער גוטר בענדעט! האט זיך דער טויער וועכטער אפגירופין „איז גוט!“ אונ

האט

האט באלד דארויף אויפגעשלאסען דעם טויער דער בענדעט איז אריין. אונ דער טויער וועכטער אבער האט אים ניט גיזעהען אריין גייענדיק אונ האט אים אויס גיזוכט אין אלע ווינקליך. אונ האט ניט גיפונען „נור וואר עס נור איין שפוק (איין גייסטער שפיל)“ האט דער טויער וועכטער גיזאגט. אונ האט צוא געשלאסען דעם טויער ווידער אונ אונזער בענדעט וואס וואר העכסט צו פרידען מיט דיזער פראבע איז זיך אוועק ווידער אין באדשטוב. עס וואר דארט נימאנד אונ האט זיך געלייגט שלאפען.

אין דער פריא האט ער געמאכט איינע צווייטע פראבע מיט זיינער אנגעם ער איז גיקומען צו איר אין שטוב אונ זיא האט אים ניט דער זעהען. אונ אזוי אויך ניט איינער אונ קיינער פון אלע מענשען וואס ווארען דארט אין שטוב „נון ווען אזוי האט ער שוין ביי זיך געטראכט. קען איך שוין געטראסט טרויען אונ גלויבען דעם טרוים גאר אין גאנצען. אונ וועל טאן אלס וויא מיינע מוטער האט מיך אין טרוים בעלעהרענט. אונ וועל עס אנפאנגען אין היינטיגער נאכט“ אגאנצען טאג האט ער דיא בלומעלע געהאלטען איינגעוויקעלט אין אפאפיר אין קעסענע. דאמיט מען זאל אים קענען זעהען. דאס הייסט ער זאל זיך קענען ווייזען אונטער מענשען אום צוא פארדינען עטוואס. דאס ער זאל דער ווייל ניט שטארבען פון הונגער. אונ גאט האט אים צוא גישיקט אפאר קליינע פארדינסטלעך. דאס ער האט גיהאט צוא לעבען אויף אפאר טעג. אונ ביי נאכט האט ער אריין גינומען דיא בלומעלע אין האנד. אונ וויא ער איז נור געווארען ווידער אונזיכטבאר איז ער זיך אריין צו דעם ר' דוד שליטא אין שטוב אלס אלע ווארען נאך דארט וואך אונ האט זיך אוועק גיזעצט ביי אים אין שפיילנע וואס דאס וואר אויך זיין נאבינעט. דען אזוי וואר ער





בעפוילען אין טרוים פון זיינער מוטער. אונ דער נאך אלס מען האט זיך געלייגט שלאפען אונ מען האט דיא ליכט אויס געלאשען. האט אונזער בענדעט אן גיהייבען צו בראזגען מיט דיא שליסעלאך פון קאמאד. אונ צוא ציהען דיא קאלדרע מיט וועלכער דער דוד שליטא וואר צוא גידעקט נון פערשטייט זיך דאס ער האט געמיינט פערגעווים. דאס גנבים זיינען דא אין שטוב אונ האט אנגעהייבען צוא שרייען מען האט זיך אויפגעהאפט עס איז גיווארען אגרויסער ראזרוך מען האט אבער קיינעם געפונען. אונ מען האט זיך אלזוי באלד בערוהיגט. מען האט זיך ווידער געלייגט שלאפען מיט דער מיינונג דאס עס האט זיך נור געדוכט דעם ר' דוד דאס מען קלינגט מיט דיא שליסעלאך אונ דאס מען שלעפט דיא קאלדרע. קוים אבער איז דארט געווארען רוהע אונ דער שלומער האט אן גיהייבען צו צו דריקען דיא אויגען פון דעם ר' דוד האט זיך אנגיהייבין דיזער שפוק (שטיפענעם) מיט מעהר פרישקייט. מען האט זיך שוין ניט געשעמט אן צו גרייפען פאר דעם האלדז אונ שטיקען. ער האט גימאכט איבער גייעם אלארעם אונ מען האט זיך ווידער אויף גיהאפט מען האט אן גיצונדען פייער. אונ ביי דיזעם מאל האט מען זיך שוין איבערצייגט דאס דיזער שפוק איז פיל מעהר אלס איין דמיון ווייל מען האט דער וויסט בלאע צייכען ארום דעם ר' דודם האלדז. אונ ווידער האט מען גיפונען דיא קאלדרע איינגעריסען. אונ מען האט שוין ניט גישלאפין דיא גאנצע נאכט. מארגענדיקע נאכט איז דיא זאכע צו גיגאנגען נאך בונטער (וואונדערליכער) דען עס האבען אלע געזעהען וויא דיא שליסעלאך פון קאמאד וואס זיינען געלעגען ביי ר' דוד צוא קאפען פליהען אין דער לופטען אונ בראזגען. אין דער דריטע נאכט האט מען גיזעהען וויא איינע פעדער פליהעט ארויס פון דעם טינטער וואס

איז געשטאנען אויף דעם טיש און שרייבט אריין אין דעם רעכענען ביכעל וואס איז געלעגען דער ביא. אנאנצען רעכענונג פון געלד און טייערע חפצים פון דעם יתום בענדעט וואס זיינען אין דיא האנד פון דעם ר׳ דוד און דיא האנדשריפט איז ריכטיג וויא זיינע. דער ר׳ דוד און זיין ווייב זיינען געבליבען טויטע בעשעפענעם זעהענדיק אזוי אנגעשיכטע. עס וואר דער מיט דיא שטאט אויף. און דאך האט ער זיך דיזער ר׳ דוד אלם געהוואטעווט. און האט זיך געמאכט אלם ניט פערשטייענדיק. ביז דיא פערטע נאכט וואס מען האט אים אין איר שיר דער שטיקט. און דער צו נאך איין געראמט איין סוד אין אויער דאס דיא מוטער פון דעם בענדעט לאדעט אים צו איין דין תורה אין יענעם עולם. דאן האט ער שוין ניט ווילענדיק (אוים גימייקעט) ביז איין גראסען דעם בענדעטם ירושה. ער האט אפגיגעבין דיא געלט זיינע מיט דיא טייערע חפצים. און דער צו נאך אשיינע מתנה פאר דרשה געשאנק און דער בענדעט האט ניהאט התונה מיט דער קונעקונדע.

באלד אבער וויא דער בענדעט האט אפ גינומען דאס געלד איז ער אוועק אויף דעם בית עולם אויף זיין מוטערם קבר. האט אוועק גילייגט דארט צוריק דיא בלומעלע האט איר געדאנקט. און צו גלייך געבעטען אויף דער האכצייט בייא נאכט וואר זיא בייא אים צו חלום. און האט אים געבראכט אגראז מיט וועלכע ער זאל קענען היילען אקראפ (אוואלע). דיזער גראז וואר אין דיא הענד פון זיינע קינדערם קינדער מעהר אלם הונדערט יאר זייא האבען מיט אים גרוים וואונדער גיטאן. דען זייא האבען מעהר אלם טויזענד קראנקע מיט אים אויסגעהיילט. דאך מיט דער צייט האט ער פאר לארען זיין קראפט ווייל דיא קינדער האבען צוא ווייט אפ געוויכען פון נאטעס וועג.





3.

## קארפעל דער פידלער

דאס דיא מתים קומען אין דיא שולען בעטען. איז שוין איינע אלטע זאגע (נאדאנע). דאס עס איז שוין אין אלע וועלט טיילען בעקאנט פילע מענשען וואס ווארען אין דיא גרויסע שטאדט שולען איינגעשלאפען דער ציילען. דאס אלם זייא האבען זיך בייא נאכט אויפגעהאפט און האבין זיך דער וויכט דארט איינגעשלאסען האבען זייא זיך אוים גרוים פחד פערקראכען אין אווינקעל אונטער אבאנק אדער אין איינעם אפענעם אלמער. און דאן האבען זייא געזעהען אזוי וויא ארום צוועלפען ווערט דיא שול פול מיט מתים וואס קומען אהין מתפלל זיין פאר דיא לעבענדיגע אן גיטאן אין טלית און קיטעל. און זייער אפט לייענען זייא אויך און רופען אויף דעם לעבענדיגען בעהאלטענעם. נור דער אויפגערופענער לעבט ניט איבער דעם יאר. דאך אבער האבען מיר ניט גיוואוסט ביז אהער דאס זייא זיינען זיך משמח אום פורים אויך וויא דיא לעבענדיגע ביז עס האט דער ציילט דער פון איין גאנץ טייערער איד קארפעל דער פידלער און מיר וואלטען אים געוויס ניט געגלויבט ווען ער וואלט אונז צו זיינער ערציילונג ניט געוויזען איינעם ווארט ציי‍כען וואס עס איז ניט צוא לייקענען. בפרט נאך דאס דיזער קארפיל וואר. אליין איין טייערער איד ער וואר נור איין פרומער פידלער דען ער פלעגט צו שפילען נור אויף ארעמע התונות אומזיסט. און האט זיך גענערט נור פון פארבעריא. ער האט געוואוינט אין אונגארען. אין פעסט דאס הייסט אין צאיינענע שטיבעלע אין פארשטאדט. און האט זיך געלעבט מיט זיין פרויא און זיינער טאכטער איין רוהיגעם שטילעם און פרומעם לעבען. און וואר אלזוי

בֶּעלִיבְּט בַּייא דֶער דָארְטִיגֶע גַאנְצֶע אִידֶעשֶׁע גֶעמֵיינְדֶע. עֶר פְלֶעגְט צוּא פֶערְדִינֶען גַאנְץ וֵויינִיג אוּנ וַואר מִיט דֶעם ווִינְצִיגֶען גַאנְץ צוּ פְרִידֶען אוּנ אִימֶער לוּסְטִיג. אוּנ פְלֶעגְט אוֹיךְ בַּייא יֶעדֶער גוּטֶע גֶעלֶעגֶענְהַייט צוּא בֶּעלוּסְטִיגֶען זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד אוּנ זַיינֶע בֶּעקַאנְטֶע אַזוֹי וַואר זַיין זִיטֶע אוּם צוּ גַיין דֶעם גַאנְצֶען פּוּרִימְדִיקֶען טָאג מִיט דֶער פִידֶעלֶע אִין הַאנְד אִיבֶּער דִיא הַייזֶער פוּן זַיינֶע וְאֹהֲבָתָם. אוּנ פְלֶעגְט דָארְט צוּ שְׁפִּילֶען אַשֵׁיינֶעם „שושנת יעקב". אוּנ מֶען פְלֶעגְט אִים דֶער פַאר צוּ טְרַאקְטִירֶען מִיט אַגְלָאז וַויין. מִיט אַשְׁטִיק טָארְט. דֶען עֶר וַואר בַּייא יֶעדֶערֶען אַיין גוּטֶער גַאסְט. אוּנ עֶר פְלֶעגְט זַייא צוּא ווִינְצֶעווֶען דֶעם גִיוואוֹינְלִיכֶען שְׁפְּרוּךְ הַלְוַאי אוֹיף אִיבֶּער אַיָאר. אוּנ פְלֶעגְט זִיךְ צוּא קוּמֶען אַהֵיים צוּא דֶער סְעוּדָה עֶרְסְט אַרוּם צֶעהֶען דֶעם זֵייגֶער.

אַיין מָאל אוּם פּוּרִים הָאט זִיךְ דִיזֶער קַארְפֶּעל פַאר אִירְט בַּייא זַיינֶע פּוּרִימְדִיקֶע בֶּעזוּכֶע אַזוֹי ווִיא אַרוּם זֵייגֶער עֶלְף אִין דִיא שְׁמַאלֶע אוּנְבֶּעוואוֹינְטֶע שׁוּל גַאסֶען פוּן פְּרֶעסְבּוּרְגֶער גְרוֹיסֶע שׁוּל ווִידֶער זַיינֶע גִיוואוֹינְהַייט; צוּא זַיין שׁוֹין אַרוּם זֵייגֶער צֶעהֶען אִין דֶער הֵיים צוּ דֶער סְעוּדָה וַוייל עֶר הָאט דִיזֶעס מָאל אִיבֶּער גֶעחַאפְּט דִיא מָאס בַּייא אַגוּטֶען פְרַיינְד וָואס הָאט פַאר פּוּרִים גֶעוואוּנֶען אַגֶעווִיס. אוּנ הָאט אַלְזוֹי גִיט אַיינְגֶעשְׁלָאגֶען דֶעם רֶעכְטֶען וֶועג אַהֵיים. דֶער צוּ נָאךְ וַואר דַאן אַטְרִיבֶּע נַאכְט אוּנ הָאט גָאר גִיט גֶעוואוּסְט אִין וֶועלְכֶע גַאס עֶר אִיז זִיךְ פֶערְקְרָאכֶען. בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶער שׁוּל. אוּנ עֶרְסְט דַאן הָאט עֶר זִיךְ בֶּערֶעכֶענְט וואוּ עֶר אִיז דָא אִין דֶער וֶועלְט. אוּנ וַואר שׁוֹין בְּדֵעָה צוּ וֶוענְדֶען זִיךְ פוּן דָארְט אַהֵיים. דֶען וֶועלְכֶען אִידֶען אִיז עֶס נִיט בֶּעקַאנְט דִיא וֶועג פוּן דֶער גְרוֹיסֶע שׁוּל צוּ זִיךְ אַהֵיים צוּם אוּמְגְלִיק אָבֶּער אָדֶער צוּם גְלִיק הָאט עֶר דֶער זֶעהֶען דָאס דִיא פֶענְסְטֶער פוּן שׁוּל זַיינֶען זֵייעֶר לִיכְטִיג אוּנ דֶער

צו



צוּ הֶערְט זִיךְ נָאךְ פוּן אִיר אַיינֶע בֶּעטֶענְדֶע שְׁטִימֶע ווִיא פוּן דַאווְנֶער. אוּנ הָאט זִיךְ דֶער בַּייא בַּאלְד דֶער מָאנְט אָן דֶעם פְרוּמֶען שְׁפְּרִיכְוָוארְט. מַייד נִיט אוֹיס דַיינֶעם גָאט אַלְס דוּא גֵייסְט פַאר בַּייא זַיינֶעם הֵיילִיגֶען אָרְט. אוּנ אִיז אַלְזוֹי אַרַיין אִין שׁוּל פֶערְגֶעסֶענְדִיק זִיךְ גָאר דָאס אִין פּוּרִים נַאכְט וֶוערְט גָאר קַיין מָאל דָארְט נִיט גֶעדַאוָוענְט בְּצִבּוּר מַעֲרִיב אוּנ בִּפְרַט נָאךְ אַזוֹי שְׁפֶּעט.

קוּרְץ דֶער פוּן עֶר אִיז אַרַיין אוּנ הָאט דֶער ווִיסְט דָארְט אַיין עוֹלָם פוּל גִיפַּאקְט. אוּנ דִיא שׁוּל אִיז בֶּעלוֹיכְטִין ווִיא אַיין גַן עֵדֶן. אוּנ אַלֶע זַיינֶען לוּסְטִיג אוּנ פְרֵיילִיךְ אוּנ ווִיא מֶען הָאט אִים דָארְט דֶער זֶעהֶען מִיט דֶער פִידֶעלֶע זַיינֶען זַייא גֶעווָארֶען מָלֵא שִׂמְחָה אוּנ הָאבֶּען אִים אָנְגֶענוּמֶען פַאר אַגוּטֶען גַאסְט אוּנ הָאבֶּען אִים אַרוֹיף גִיפִירְט אוֹיף דֶעם אַלְמֶעמָער דָאס עֶר זָאל זַייא שְׁפִּילֶען. עֶר וַואר אָבֶּער זֵייעֶר צוּ שְׁרָאקֶען דָאס זַיינֶע הֶענְד הָאבֶּען זִיךְ גָאר נִיט גֶעהֵייבֶּען. וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעהֶען אוּנְטֶער דִיזֶעם פּוּבְּלִיקוּם זֵייעֶר פִיל בֶּעקַאנְטֶע וָואס זַיינֶען שׁוֹין לַאנְג גֶעשְׁטָארְבֶּען. אוּנ הָאט אַלְזוֹי אָנְגֶעהֵייבֶּען צוּ פֶערְשְׁטֵיין דָאס דִיא אַלֶע וָואס זַיינֶען דָארְט זַיינֶען נוּר מֵתִים. אוּנ וַואר אַלְזוֹי אַלְץ צוּ שְׁרָאקֶען אוּנ אִין גְרוֹיס אַנְגְסְט בִּיז עֶס זַיינֶען צוּ גִיגַאנְגֶען צוּא אִים זַיינֶע בֶּעקַאנְטֶע אוּנ הָאבֶּען אִים זֵייעֶר פְרַיינְדְלִיךְ גֶעגְרִיסְט אוּנ הָאבֶּען אִים צוּא גֶערֶעט דָאס עֶר זָאל זַייא שְׁפִּילֶען דֶעם זֶעלְבִּיגֶען שושנת יעקב וָואס עֶר הָאט בַּייא זַייא גֶעשְׁפִּילְט אִין שְׁטוּבּ אַלְס זַייא הָאבֶּען נָאךְ גֶעלֶעבְּט. אוּנ הָאבֶּען אִים נָאךְ דֶער צוּ גֶעמַאכְט מוּטְה דָאס עֶר זָאל זִיךְ נִיט שְׁרֶעקֶען אָ זָאלְסְט דוּא אַזוֹי זִיכֶער זַיין צוּא ווִישֶׁען לֶעבֶּענְדִיגֶע ווִיא: דוּא בִּיזְט זִיכֶער צוּא ווִישֶׁען דִיא טוֹיטֶע הָאבֶּען זַייא צוּא אִים גֶעזָאגְט שְׁפִּיל. אוּנ מִיר וֶועלֶען דִיר פִיל בֶּעסֶער לוֹינֶען אַלְס דִיא לֶעבֶּענְדִיגֶע. דִיזֶע פְרַיינְדְלִיכֶע

ווערטער

װערטער האָבען אים אַביסעל בערוהיגט. אונ ער האָט אָפּ געשפּילט דעם שושנת יעקב זייער גוט דאָס מען האָט אים גיבעטען דאָס ער זאָל עס שפּילען נאָך אַמאָל אונ אַזוי נאָך אַדריטען מאָל. אונ דאַן האָט מען גיזאָגט מזמורים. אונ דער נאָך האָט מען אים גיבעטין דאָס ער זאָל שפּילען אַנדערע זאַכען אונ עס איז אַזוי ווייט גערעאַטען געוועןן דאָס מען האָט אים צוא געפירט צוא דעם רב וואָס איז גישטאַנען אויבען אָן אונ ער האָט אים זייער שטאַרק בעדאַנקט נאָט זאָל דיך ערפרייען האָט ער צוא אים גיזאָגט וויא דוא האָסט אונז אין דיזעם פורים ערפרייט נון זאָג זע מיר מיט וואָס זאָלען מיר דיך בעלוינען דוא ווייסט דאָך וועֶר מיר זיינען. קיין געלט האָבען מיר ניט. אויך ווייסען מיר דאָס דוא נעמסט קיינע געלט פאַר דיין שפּילען איך וואָלט וועלען האָט זיך דער קאָרפּעל אָפּגערופען צו אים. ערסטענס וויל איך וויסען מיט וועמען איך רייד. צווייטענס וויל איך בעקומען פון אייך איינען וואָהרען צייכען אום צו בעווייזען אין שטאָדט דאָס איך האָב גערעאַט דאָס גליק מיט אייך צוא שפּרעכען. דריטענס וויל איך דאָס מען זאָל מיר דא אויסלערנען איינינע זאַכען (נגונים) וואָס ווערען גיזונגען אין הימעל דען אונזערע חכמים זאָגען דאָס אַשורס מחנה איז אויסגישטאָרבען נור פון דעם וואָס האָבען דער הערט דיא גיזאַנג פון דיא מלאכי השרת. אַזוי פיל מתיקות האָט עס אין זיך. אונ איך וועל עס אָנווענדען נור לדבר מצוה אויף אָרעמע חתונות. אויף שמחת בית השואבה. אויף נאָך אַשענערען שושנת יעקב.

דיזע אַלע דרייא זאַכען זאָלען עס דיר ערפילט ווערען האָט דיזער מאַן אָפּגעענטפערט דוא ווילסט וויסען ווער איך בין. איך הייס ר׳ שלום אַלטאַרוס. אונ מיט אַיאָר זיבעציג צוריק וואַר איך דא רב אין פּעסט. אונ ווייטער וואָס דוא ווילסט





בעקומען איין קענצייכען אום צו צייגען פאַר דער שטאָט דאָס דוא האָסט מיט מיר געשפּראָכען וועל איך דיר זאָגען אַקליינע תורה וואָס עס איז שייך צוא פורים וואָס איך האָב איר געזאָגט אין דעם פורים פאַר מיין טויט דעם ר׳ הירשען פולד וואָס ער איז שוין איצונד אַזקן פון אַבן תשעים. איך האָב אים גיזאָגט פון וואַנען איז גידרונגען וואָס אונזערע חכמים זאָגען אין מדרש אסתר דאָס דיא גזרה פון המן וואַר אין הימעל געהאַטמעט מיט ליים אָבער גיט מיט בלוט ווייל עס שטייט אין דער מגלה „לאבדם“ מאַכט עס לא בדם. דיזער ר׳ הירש האָט עס קיינעם ניט איבערגעזאָגט. נון זאָג עס אים איבער אין מיינעם נאָמען וועט מען שוין דיר גלויבען דאָס דוא האָסט געשפּראָכען מיט מיר אונ דריטענס וואָס דוא פערלאַנגסט דאָס מען זאָל דיר אויסלערנען איין עטוואָס פון דיא הימעלשע נגונים וועל איך הייסען אונזער חזן וואָס וואַר אַגרויסער יודע נגן ר׳ הוישעל אַלטונער דער פעלער איז דאָס ער איז גישטאָרבען פון אַברוסט פעלער אונ איז הייזעריג וויא דיא וואַנט. דאָך וועט דיר געננג זיין זיינע ווינקע אום עס צו פערשטיין אונ נאָך צו שפּילען.

אונ אַזוי איז עס ווירקליך גישעהען עס איז גיקומען צוא אים דער חזן וואָס האָט פאַר אים געדרייט מיט דעם פינגער וויא אַזינגער מאַכט אַלס ער זינגט. אונ האָט אַלזוי אַריינגידרייט אין דער זיילע פון דעם קאָרפּעל אַהאַלבען טוץ נגונים וואָס ער האָט זייא באַלד נאָך געשפּילט זייער לייכט. איינער פון זייא וואַר דער האַלדע מאַרש פון משיח דער צווייטע וואַר איינע אַלעגערע (אויך אַזוי אַמין נגון) מיט וועלכען מען פירט אָפּ דעם צדיק אין גן עדן. דער דריטער וואַר דער נגון וואָס עס פלעגין צו זינגען דיא עולי רגלים. אונ דיא איבעריגע דריי וואָרען נגונים פון ימים טובים.

דיזע גישיכטע האָט גידויערט אין שול ביז זייגער דרייא

אונ דאן האט אנגיהייבען צוא ווערען דארט דיא ליכטיקייט דונקעלער אונ דונקעלער. אונ דיא מענשליכע פיגורען איז גיווארען אונדייטליכער אונ אונזער קארפעל האט אן געהייבען צוא שפירען איינע מאטיקייט אונ איז דארט איינגעשלאפען אונ האט זיך ערסט אויפגעהאפט. אלס עס וואר שוין גרויסער טאג אונ דער עולם האט געהאלטען שוין קריאת שמע. ער האט זיך דערוויסט צו ווישען דיא בייגונג פון דער צום אויפגעלייגטע שול טיר. דאס ער האט ניט גיקענט וויסען אויף קלאר צו ער האט גענעכטיגט אין שול צו אין פאלעם. ער וואלט עס געהאלטען פאר נעווים פאר איין טרוים ווען ער וואלט זיך ניט דער מאנט אן דער תורה וואס דער רב האט אים גיזאגט. אונ אן דיא נגונים וואס דער חזן האט אים אויס געלערנט. דיא תורה האט ער גיזאגט פאר דעם ר׳ הירש פולד אונ האט אים דער ציילט דיא גאנצע גישיכטע אויך האט ער גישפילט באלד פאר אים דיא נייע זאכען וואס ער האט זיך אויסגילערנט. אונ ער איז שיר גישטארבען פון מתיקות. נון איז גיווארען דער מיט דיא שטאדט פול דער קארפעל איז גיווארען איין הייליגער נור ער האט שוין פאר זאגט אצעהענטען פון צוא גיין אליין פורים ביי נאכט אדער פערקערט נור אליין. דאס הייסט ניכטערהייט. על כל פנים פון דיזער גישיכטע איז שוין צו זעהען דאס דיא טויטע זיינען זיך משמח אין דיא שולען אויך וויא מיר אין אונזערע פריידענטאגע.

## 4.

## דיא וואכנאכט

אויף דיא וואך נאכטען ווארען אין דיא פערצייטיגע יארען פיל פייערליכער אונ הייליגער אלס אין אונזערע יארען

עם



עס פלענט אין זייא גרויסע שמירות געמאכט ווערען וועגען דיא לילית *) וואס איר נאטור איז אוועק צו רויבען קינפעט קינדער פון דיא קינפעטארענס אין דיא ערסטע אכט טעג נאך זייער גיבורט וויאס ווערען אנגערופען שמונה ימי מילה וביותר אין דיא לעצטע נאכט וואס ווערט אנגערופען וואכט נאכט. דאמיט זייערע נשמות זאלען ניט גישטעמפעלט ווערען מיט דעם חותם הקדושה אונ ויעט אלזוי מיט זייא פער מעהרען דיא מחנות פון דער מרכבה טמאה **).

דיזע

---

*) דיא וואהרע בעדייטונג פון דעם ווארט לילית איז עס נור דער נאמען פון איינעם גיוויסען נאכטפייגעל. דאס הייסט אזוי איין מין פייגעל וואס פליהעט נור אום ביי נאכט אונ דיזע זינד אלע אהטען פון דיא סאוועס אדער איילען. דיזער מין פויגעל לעבט נור פון דעם וואס ער רויבט ארויס פון דיא פויגעל נעסטען זייערע קליינע פייגעלעך אונ פרעסט זייא אויף. אונ ווען ער קען ניט בעקומען פרעמדע פרעסט ער זיינע איינגענע. דיזער מין פויגעל ווערט דער מאנט אין (מדרש פרשה שלח ט״ו כלילית הזו שאינה מוצאה כלום והיא הופכת על בניה) אונ ווייל דיא פערחאפונג פון קינפעט קינדער רעכענען דיא אבערגלויבישע מענשען צוא איינער געוויסען טייוועלישע (שידית) האבען זיא איר אנאמען גינעבען לילית ווייל נאך זייער מיינונג האט זיא איין נאטור מיט דיזעם פויגעל. אונ זעהעט בענאהע אויס אויך וויא ער דען זיא איז זייער בעוואקסען מיט האר (כמאמרם ומרבה שער כלילית).

**) דיא בעלי מקובלים גלויבען דאס עס זיינען דא צווייערלייא שבעה רקיעים. איינערלייא הייסען אדער זיינען מסטרא דקדושה. דאס הייסט דיא הייליגע וואס אויף זייא איז דיא הייליגע מרכבה פון בורא ברוך הוא אונ אלע זייגע

דיזע לילית איז זיך אלזוי מתגבר אין דיזער לעצטע נאכט אונ בעגייט זיך מיט דיא קינפעט קינדער וויא דער פוקוק (קוקאפקע) ענפער זיא פערביים דאס קינד אויף אקינד פון דיא ניט גוטע וואס דער פון וואקסען ארוים דיא רשעים דיא טמאים דיא אפיקורסים אדער פראסט זיא טייטעט זייא נאר אן רחמנות. אזוי וואר דאן גיגלויבט דאהער דיא זיטע מיט דיא שיר המעלות וואס מען קלעבט אן ביי דיא קינפעטארענם אין דיא הייזער וואס עס שטייט אין זייא „לילית וכת שלה חוצה“ דאס הייסט לילית מיט איר גאנצע כתה זאלען קיינע שליטה האבען אריין צוא קומען אין שטוב אונ זאלען נור בלייבען דרויסען אונ דאהער וואר אויך דיא זיטע דאס דיא בעהעלפערם פלעגען צוא גיין מיט זייערע חדר קינדער צוא זייגען קריאת שמע אלע פאר נאכט ביי דיא קינפעטארענם ביי אאינגעל ביז דער מילה. אונ דאהער אויך דיא גרויסע שמירה אין דער לעצטע נאכט פאר דער מילה. מען צינט אן ליכט אין מאנכע שטעט אונ ארעמע לומדים זאגען תהלים אונ לערנען. מען מאכט פאר זייא אוועטשערע. אונ מען טיילט צדקה.

נון פערשטייט זיך פון זעלבסט ווען דיא וואכנאכטען שפילען נאך אראלע אין מאנכע ערטער אין אונזער צייט

וואס

---

מלאכי השרת. דיא אנדערע זיבען הימלען אבער זיינען מסטרא דמסאבו. דאס הייסט דיא אומריינע וואס דארט געפינט זיך דיא מרכבה טמאה פון דעם סם אונ זיינע משטינים וואס ווילען אלץ זיך מתגבר זיין איבער דיא היילינע כוחות אונ השפעות אונ אויסברייטען דעם רוח הטומאה איבער דער גאנצער וועלט. אונ זיינען אלם אין איינעם אייבינען שטרייט מיט דער קדושה.



וואס מען הערט אויף שוין צו גלויבען אין אזעלכע שמאכטעם האבען זייא פערצייטען פאר געווים גשפילט נאך פיל גרעסערע ראלען אונ עס וואר נאך דער צו דער צייט זייער פיל וואונדער געשיכטען אונ שיינע צויבער ערציילונגען פון וועלכען איך ווערדע דא נור איינע אלם צור פראבע דא אנפירען דיזע געשיכטע זאל וויא דיא זאגע (גאדאנע) גייט געשעהען זיין פאר איאר הונדערט ביי איינעם רייכען פרומען ישובניק לעבען דער שטאדט ראזנאי וואס עס האט נאך איצונד ניט אנגעהייבען דארט צו טאגען.

איין געוויסער ישובניק וואס מען האט אים גירופין ר׳ הענעך ריידזיסקער אונ וואס ער וואר אליין אאיד אלמדן אונ אגרויסער ירא שמים. אונ דער צו נאך אגרויסער מכנים אורח האט געהאט דאס אונגליק. דאס עס האבען זיך קיינע קינדער געפירט ביי אים. זיי פלעגן געבארן צו ווערין זייער גיזונד אונ שיין. פלעגען אבער אימער פערחאפט צוא ווערען צו וואכנאכט. ער וואר נאך דאן דאס הייסט איונגער מאן אונ דיא פרויא נאך אינגער. דער צוא נאך גאנץ רייך. אונ האבען אלזוי אנגעווענדעט אלע מיטלען. עס האבן אבער קיינע גיהאלפין דער צו. זעקם קינדער האבען זייא שוין בעגראבען אונ וואַרען בעזארגט וועגען דיא זיבענטע וואס זיא דארף דא באלד האבען. צום אונגליק וואר נאך דאן גאר אוויסטע וועלט אין אונזער ליטע. עס ווארען נאך קיינע גוטע אידען. קיינע רעבייאים. אונ מען האט זיך אלזוי גימוזט בעהעלפען אין אזעלכע פעלע נור מיט דיא צמוטעם דיא בעלי שמות וואס האבען נאך פיל ווייניגער געוואוסט אלם היינטיגע טאטערען. אטייל האבען געזאגט דאס זיא האט ניט פאר קיין מענשען געדאכט דיא מארע *) אונ אטייל ווארען דער מיינונג. דאס זיא

ווערם

---

*) דאס ווארט „מארע“ בעדייטעט אין דער פוילישע

ווערט גישטראפט נור ווייל איר ערסטער חתן האט זיך איבער
איך דער טרונקען . אזוי וואר מען אלץ אין אגרויסע מבוכה
ביז עס איז צוא זייער גליק אנגעפארען אויף זעלווער יריד
דער וועלט בעריהמטער בעל שם ר' יואל וואס האט גימאכט
דעם ספר מפעלות אלקים . אונ זייא האבען אלזוי באלד
אפאלירט צוא אים . האבען אים אנגעבאטען אמאסע געלט .
אונ ער האט זיך אן גינומען צו העלפען זייא . מיט פריידען
האבען זייא אים אריין גינומען צו זיך אין שטוב נאך מיט אחודש
פריהער אלס זיא האט גידארפט געלעגען ווערען . האבען אים
אפ גיגעבען אבעזונדער צימער מיט אלע וויגאדעם אונ איזט
זיך אלזוי דארט פערבליבען ביז זיא האט מוליד גיוועזן למזל .
אונ דאן האט ער באלד אנגעטאן אגרויסע קמיע דער מוטער
דאס קינד אקלענערע האט אליין גימאכט מיט קויל אקרייז
אום דיא וואנד איבער דעם קוימען אויפגעהאנגען אבינטעל
פון פערשיידענע זאכען . למשל אהייפעל הייא וואס איז ארויס
געפאלען פון אפערדס מויל אלס דיא לבנה שיינט. זיבען ערלייא
האר פון זיבען בעשעפענעסען . זיבען ערלייא האדערען (שטיקלעך
שמאטעס) פון זיבען העמדער וואס האבען גיטראגין זיבען ערלייא
מענשען. צום וואכנאכט אבער האט ער שוין דיא ווארטערקע אויך
אנגעטאן אקמיע . האט גיהייסין דאס צווייא מנינים ארעמע
לומדים זאלען טבילה גיין אונ זיצען אונ לערנען דיא גאנצע
נאכט

---

שפראבע איין טרוים געזיכט געשפענסט (איין שלעכטער דמיון
אדער איינע שרעקליכע פארשטעלונג . אונ אונטער אידען
וואר גיברויכט דיזעס ווארט אויף איינע גיוויסע ווייבערשע
קראנקהייט דאס עס דוכט זיך זייא דאס עס קומט צו זייא
איין פרעמדער מאנספערזין . נון זאגט דארויף דאס אבערגלויבען
דאס זייא ווערען ווירקליך דער פון שוואנגער אונ דיא קינדער
וואס ווערען געבארען דער פון האלטען זיך גיט .



נאכט . דאס מען זאל אנצינדען ליכט; וויא שטערען אין
הימעל . מען זאל קיין קוימען עפענען אין דער שטוב וואו
דיא קינפעטארען ליגט . אונ מען זאל ניט שמיקען דיא טיר
אונ דאך ביא אלע דיזע שמירות אונ זהירות האט זיך אריין
געחאפט אקאץ אין שטוב מיט אשרעקליכען מיוקען אונ האט
גענואקסען אין דיא אויגען . אונ האט זיך אלץ פאריווערט אריין
צו חאפין זיך אין דעם קעמעריל וואו דיא קינפעטארען ליגט.
דער בעל שם אבער איז גיזעסען ביא דער טירעל פון דער
פשעפארענקע אונ האט איר אלץ מיט זיין שטעקען וואס ער האט
געהאט אונטען איין שפיציגען אייזען אלץ גיווערט אונ גיטריבען
פון דארט אונ זיא האט זיך אלץ געפארסקעט נעגען אים אונ
האט אנגיהייבען צו שפריצען גליהענדע פונקען אויף אים . דאס
עס זיינען אלע אין שטוב געווארען העכסט ערשראקען אונ עס
איז אזוי ווייט געקומען דאס דער בעל שם האט זיך גובר
גיוועזן אויף איר . האט איר מיט זיין שטעקען אויס געשטאכען
איין אויג אונ האט איר ארויס געיאגט פון טיר אונ ער
נאך איר . ער האט זיך דרויסען פערזאמט איינע לאנגע צייט
אונ איז אריין אין שטוב איין פערמאטערטער אפארשוויצטער
אונ האט געטאן אגשרייא מזל טוב אייך איצונד זיינען מיר
שוין אין דער היים . מיר זיינען שוין מיט זיינעם ליבען נאמען
אלץ איבער גיקומען דער לאנגט בראנפען אונ לעקעך נון
וואר דארט פריידען איבער פריידען . מען האט זיך גיזעצט
צום טיש מען האט זיך גיטליך געטאן . תורה גיזאגט אונ
מען וואר פריילעך אונ לוסטיג .

אויף מארגען צו דעם ברית מילה זיינען צו זאמען געפארען
גוטע פריינד שכנים קרובים . עס ווארען אלע געבעטענע
אונ זעלבסט פילע ניט געבעטענע נור איין פערזין האט
געפעלט . אונ דאס וואר דיא הייבען . אונ דיזעס האט
זייער גיקרייגקט דער קינפעטארען שמייז האט זיא געזאגט
זיא

זיא וואר; ביא אלע מיינע קינפעטם פון וועלכע זיא האט נאנץ ווייניג נחת געהאט. אונ גראדע איצונד דאס מיר האבען דער לעבט אזוי אפרייד זאל זיא ניט זיין אונ האט אלזוי גילאזט דיא ? מילה אפהאלטען ביז זיא וועט קומען. דען זיא האט איר געשיקט רופען. זיא האט געוואונט ניט ווייט פון דארט. דער בעל שם אבער האט זיך אריין געלאכט אין בארד אונ האט גיזאגט צו דיא אלע קרואים זייט זיכער זיא וועט שוין צוא דעם ברית ניט קומען אונ אזוי האט זיך טאקע אויסגעלאזט דען מען האט געבראכט אתשובה פון איר דאס זיא איז קראנק. איין אויג האט איר אוים גערונען איבער נאכט. דיא קינפעטארען האט געהאט דער פון גרוים צער. אונ דער בעל שם פערקערט האט געהאט דער פון גרוים נחת. אונ ערשט זיצענדיג ביא דעם טיש ביא אנלעזיל שטארקע מעד האט ער דעם עולם ענטדעקט אגרויסען גיהיימנים (סוד) איר זאלט וויסען רבותי האט ער זיך אפגערופען צו דעם גאנצען עולם. אונ ביותר צו דעם בעל ברית. דאס נור דיא הייבין וואר דיא מערדערין פון אייערע ביזהעריגע קינפעטם קינדער זיא איז איינע מכשפה · זיא איז אין בונד מיט דער לילית אונ גיט איר איבער אלע קינדער וואס זיא נעמט צו אונ זיא איז אלזוי דער לילית בעהילפליך אין אלע היילינע ערטער וואו זיא אליין קען ניט צו קומען אונ אלם איך האב אין דיזע נאכט גימאכט אגרויסע שמירה. דאס זיא האט זיך שוין ניט גיקענט בעגיין אויף איר גיוואוינליכען אופן האט זיך פערוואנדעלט אין אקאץ וואס איך האב איר אוים גישטאכען איין אויג אונ דיזעם איז דיא סבה פון איר אויג וואס עס איז איר דיזער נאכט אוים גערונען. אונ ווייטער וואס איך האב געהאט צוא טאן מיט איר דרויסען דאס איז שוין נים אייך צוא וויסען. עס האט מיר גענוג גיזונד גיקאכט אונ וואר אביסעל אין אסכנה אויך. אשפאם אזוי אכתה פון





טמאים. נון פון היינט מאל אן זאל מען וויסען ווער דיא הייבען איז וועד דיא ווארטערקע איז. דען דאס איז קיין שפאם עם וועגט זיך אן זייא זייער פיל וויא דיא תפלות פון דעם עולם אן שליח ציבור (חזן) דיזע רייד אונ דיזע ענטדעקונג האט געמאכט אגרויסען איינדרוק אויף דעם עולם ביותר אויף ווייבער דאס זייא זיינען געווארען אסטראזנע מיט הייבענם אונ ווארטערקעס אונ בפרט אלם דיא הייבען דיא מכשפה וואס איז באלד גישטארבען האט זיך נאך אליין מתודה גיוועזען פאר איר טויט דאס זיא האט פילע קינדער מוסר גיוועזען צו דיא טמאים מען האט איר בעגראבען אויף דעם אנדערען זייט פארקאן אונ כמה יארען נאך איר טויט האט מען איר גיזעהען אומגייענדיג אין דיא פעלדער אונ אין דיא וועלדער.

5.

## דער פוסטער שלאם פון אמשטרדם

לעבען דער שטאדט אמשטרדם איז גיוועזען אפוסטער שלאם פון אונדיינקליכע צייטען. עס וואר שרעקליך אויף אים צו קוקין. דען ער וואר זייער גרוים. הויך אונ שווארץ מיט לאנגע שמאלע פענסטער אונ גרויסע לאנגע אונ הויכע קוימענם. אונ אזוי אויך וואר שרעקליכעם דער ציילט פון אים. דאס אלע איינוואוינער פון שטאדט אונ פון דעם ארום גענענדען האבען זיך ניט גיוואגט צו גיין אונ צו שטיין אין זיינע ד' אמות. דאס הייסט נאהענט פון אים. אזוי נאר דער ציילט דאס זייער אפט זעהעט מען דאס דיא פענסטער זיינען ביא נאכט זייער ליכטיג. אונ ווען איינער גייט פאר ביא רופט מען אים מיט זיין נאמען. זייער אפט זעהעט מען אשווארצע פוימט ארוים דורך אפארטעצקע פון אפענצטער זייער אפט איז ער בעדעקט מיט שווארצע ראבען. אמאל

הָאט אֵיינֶע פון זַייא גֶעהַאפְּט אִין אִיר שְׁנָאבֶּעל אַבְּרָעג פון אַשְׁטִיקֶעל לַייוֶועְנְט פון דְרַייסִיג אֵיילֶען וָואס הָאט זִיךְ גִיבְּלַייבְּט נִיט וַוייט פון דָארְט . אונ הָאט אַרום גֶעדְרַייט מִיט אִיר דֶעם שְׁפִּיץ פון טורֶעם דָארְט . דָאס עֶס וַואר אונְמֶעגְלִיךְ גִיוֶועזֶען אַרונְטֶער צו נֶעמֶען . אויךְ פְּלֶעגְט מֶען צוּא הֶערֶען דָארְט בַּייא נַאכְט וִויא מֶען זִינְגְט . מֶען שְׁפְּרִינְגְט . מֶען שְׁרַייט . מֶען וַויינְט . מֶען לַאכְט . קורְץ דֶער פון דִיזֶער שְׁלָאס וַואר אוים גֶעמִידֶען פון יֶעדֶען מֶענְשֶׁען וִויא דֶער אַסְטְרָאג וֶוערְט אויסְגֶעמִידֶען פון יֶעדֶען דִיבּ (גַנָב) .

נון הָאבִּין זִיךְ מִיט דֶער צַייט גִיפונֶען אַבַּאנְדֶע יונְגֶע לַייט . שְׁטודֶענְטִין . אַקְטָארֶען . בּוכְהַאלְטֶערְם . וָואס הָאבֶּען זִיךְ גִיהַאלְטֶען פַאר נַייֶע מָאדֶעשֶׁע אונ הָאבִּין אַלֶץ גִישְׁפַּאסְט פון דֶער אַלְטֶע וֶועלְט אונ פון זַייעֶרֶע קַאזַאלֶעם . אונ הָאבֶּען בַּייא זִיךְ בֶּעשְׁלָאסִין אום צו וַוייזֶען דִיא אַלְטֶע נַארֶען וִויא דום זֵייא זַיינֶען . וֶועלֶען זַייא אַיין אָוֶוענְד צו בְּרֵיינְגֶען אִין דִיזֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען שְׁלָאס אִין זויז אונ אִין בְּרויז דָאס הֵייסְט אִין לוּסְט אונ אִין פְרֵיידֶען זַיינֶען אַהִין גִיקומֶען אִין אֵיינֶעם זומֶער טָאג אִין דֶער פְּרִיא אונ הָאבִּין צו גִיקְלִיבֶּען דָארְט אֵיינִיגֶע צִימֶערֶען וָואס וַוארֶען נָאךְ גַאנְץ גֶעזונְד . מִיט גַאנְצֶע טִירֶען אונ פֶענְסְטֶער . זַייא הָאבִּין נָאךְ דֶער וִויסְט דָארְט גַאנְצֶע מֶעבֶּעל . אונ בִּילְדֶער . פָּאטְרֶעטִין פון דִיא אַלְטֶע בֶּעווֹאוינֶער וָואס הָאבֶּען אַמָאל אִין פַּאלַאץ גֶעוואוינְט . הָאבֶּען דָארְט גִידֶעקְט טִישֶׁען הָאבֶּען גִימַאכְט פַייעֶר אִין קִיךְ . הָאבֶּען גֶעלָאזְט דָארְט צו בְּרֵייטֶען פֶערְשֵׁיידֶענֶע שְׁפַּייזֶען . פון נָאוֶוענְט . הָאבֶּען זַייא גִילָאזְט אָפּ אַכְטֶען אַהִין אַשֵׁיינֶע מוזִיק . הָאבֶּען אַיינְגֶעלַאדֶען זֵייעֶר שֵׁיינֶע מֵיידְכֶען אונ דַאמֶען פון זֵייעֶר גְלַייכֶען . אונ מֶען הָאט זִיךְ דָארְט הֶעכְסְט בֶּעלוּסְטִיקְט מִיט עֶסֶען . מִיט טְרִינְקֶען . מִיט טֶענְץ . דֶער צו נָאךְ מִיט לִידֶער וָואס זֵייא הָאבֶּען גֶעמַאכְט . אִין וֶועלְכֶע עֶס וַואר גֶעלַאכְט אִיבֶּער דִיא דוּמְהַייט פון דִיא אַלְטֶע נַארֶען





וָואס גְלויבֶּען אִין שֵׁדִים . אִין רוּחוֹת . אִין לִילִין אונ אִין פְּגָעִים

דִיזֶע פְרֵיידֶען וַוארֶען אָבֶּער נִיט פון דוֹיעֶר . דֶען אַרום צְוֶועלְף דֶעם זֵייגֶער אִיז אַרַיין אִין דֶעם טַאנְצְזַאל אַצְוֶועלְף יָארִיגֶער קְנַאבֶּע וָואס וַואר שְׁוַוארְץ וִויא קוֹיל . אונ וָואס אונְטֶער זַיינֶע שְׁוֶוערֶע טְרִיט הָאט גִיטְרֶעשְׁקֶעט דִיא פַּאדְלָאגֶע . גְלַייךְ וִויא עֶס וָואלְט אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אַיין בְּלַייעֶרְנֶער רִיזֶע . אונ אִיז צו גִיגַאנְגֶען מִיט גְרוֹים עַזוּת צוּא דֶעם עֶלְטֶעסְטֶען פון דִיזֶער פְרֵיילִיכֶען גֶעזֶעלֶענְשַׁאפְט אונ הָאט צוּא אִים גִיזָאגְט אויף הֶעבְּרֵייאִישׁ (לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ) „הֵחִישׁוּ וּצְאוּ מֵהָארְמוֹן הַזֶה“ דָאס הֵייסְט גֶעשְׁוִוינְט גֵייט אַרוים פון דִיזֶעם שְׁלָאס . דִיזֶע גֶעזֶעלֶענְשַׁאפְט אָבֶּער . הָאט עֶס אָנְגֶענוּמֶען נוּר פַאר אַיין שְׁפַּאס . דָאס אֵיינֶער הָאט זִיךְ נוּר פֶערְשְׁטֶעלְט אום אַיינְצוּשְׁרֶעקֶען זַייא . אונ הָאבִּין אִים גֶעוָואלְט אָנְגְרֵייפֶען . עֶס וַואר אִים אָבֶּער נִיט צו רִירֶען פון זַיינֶעם אָרְט גְלַייךְ וִויא עֶר וָואלְט גִיוֶועזֶען צוּא גֶעגְווֹינְטֶעוֶועט צוּא דֶער עֶרְד מִיט טוֹיזֶענְד גְווִינְטֶעם . דֶער צוּא וַואר זַיין הַאנְד שְׁטַארְק וִויא אַיין מַארְמָאר . אונ דָאךְ הָאבֶּען זִיךְ דִיזֶע לַייטֶע נִיט גֶעלָאזְט אַזוֹי לַייכְט אַיינְשְׁרֶעקֶען . אונ הָאבֶּען אָנְגִיהֵייבֶּען צוּא שְׁלָאגֶען אִים מִיט זַייעֶרֶע שְׁוֶוערְדֶען . דֶען זַיי וַוארֶען אויךְ בֶּעווָאפְּען . עֶס הָאבֶּען זִיךְ אָבֶּער אַלֶע זַייעֶרֶע קְלִינְגֶען זִיךְ צֶערְבְּרָאכֶען אום זַיין לַייבּ . אונ עֶר אִיז גֶעוָוארֶען זַייעֶר עֶרְגְרִימְט אונ הָאט צוּ זַייא גֶעזָאגְט צוּם צְוֵייטֶען מָאל אִין הֶעבְּרֵייאִישׁ „כֹּה דִבֵּר אֲדוֹנִי צְאוּ מֵהָארְמוֹן הַזֶה“ אַזוֹי שְׁפְּרִיכְט מֵיין הֶער גֵייט אַרוים פון דִיזֶעם פַּאלַאץ פֶּן תִנָחֲמוּ בְּאַחֲרוֹנַת דֶאמִיט אִיר זָאלְט שְׁפֶּעטֶער קֵיין חֲרָטָה הָאבֶּען . אונ וֶוער אִיז דַיין הֶער . הָאבֶּען זַייא אִים גִיפְרֶעגְט פון מִיר וָואס אִיךְ בִּין זַיין קְלֶענְסְטֶער בֶּעדִינְטֶער קֶענְט אִיר אַייךְ שׁוֹין לַייכְט מֶערְקֶען וִויא מֶעכְטִיג מֵיין הֶער אִיז . הָאט עֶר זַייא גִיעֶנְטְפֶערְט אונ אִיז פֶערְשְׁווּאוּנְדֶען גֶעוָוארֶען פון זַייעֶרֶע אויגֶען אונ דִיא גַאנְצֶע גֶעזֶעלְשַׁאפְט אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֵיין גַאנְץ אונְשְׁלִיסִיג וָואס צוּא טָאן / צוּ אָפּ צוּ טְרֶעטִין פון דִיזֶעם אָרְט

ארש (א״ז) .

אָדער צו פֿערבלייבען פֿאַרט ביז טאָג . אַטייל האָבען געזאָגט יוא אַטייל ניין . און אַלם עס איז געבליבען ביי זייא דאָס זייא זאָלען דאָ נאָך פֿערבלייבען . און האָבען אָנגעהייבען ווייטער צו טאַנצען . איז געוואָרען אַגרויסער שטורעם אין אַלע צימערען . און עס האָט זיך אָן געהייבען צוא הערען שרעקליכע שטימען און אייני פייפערייא . עס וואר איינע שרעקליכע קאַצענמוזיק . דאָס עס האָט זייא דיא אויערען שיר צו ריסען . דיא מאַרך אין דיא קנאָכען אויפֿגעטרייסעלט פֿון גרויס שרעק . דער ביי האָבען זיך אויסגעלאָשען אַלע ליכט . און זייא האָבען אָן געהייבען צוא שפּרינגען דורך דיא פֿענסטער פֿון גרויס שרעק און האָבין זיך אַלזוי צערבראָכען הענט און פֿיס . און מען האָט זייא אַלזוי געבראַכט אויף מאָרגען אַלעסען קראַנקע נאָך הויז . און פֿילע פֿון זייערע דאַמען זיינען געוואָרען וואַהנזיניג משוגע *) .

## 6.

## דער שטיין ווילצע לאַפּע

אויך אין אונזער שטאָט ווילנא ווערט דער ציילט פֿיל וואונדער וואָס זיינען שוין צו פֿיל בעקאַנט אין דער וועלט אַזוי וויא למשל דיא געשיכטע פֿון ר׳ לייב לייזערס הויף וואָס דיא שדים האָבען געהאַט דאָרט אַגאַנצע שתּדע און זייער שטאַרק בעאונרוהיגט דיא איינוואוינער פֿון דיזעם הויף פֿילע יאָרען ביז מען האָט געהאַט מיט זייא אַדין תּורה אין שבעה קרואים וואָס דאָרט איז נאָך עד היום דער בית דין שטוב . און אַזוי אויך דיא געשיכטע וויא דיא שדים האָבין געמאַכט איינען יונגען מאַן פֿאַר אַקיניג איבער זיך . און נאָך דאָס גלייכען זייא זיינען

שוין

*) אַטייל פֿון דיזעם ספּור בריינגט ר׳ מנשה בן ישראל אין זיינעם בעריהמטען ספר „נשמת חיים“ .



שוין בעשריבען אין פּויליש אין אַנגעווייסע ווערק וואָס הייסט פּסעהאַדסקע פּשעז מיאַסטע ווילנא און איך וועל דאָ בעשרייבען מער ניט וויא איין קליינעם וואונדער פֿון איינעם געוויסען שטיין וואָס ליגט איין האַלבעם מייל פֿון ווילנא וואָס הייסט ווילצע לאַפּע ווייל עס איז אין אים איינגעדריקט וויא איינעם טייג דיא תּמונה פֿון אַוואָלפֿס לאַפּע איך האָב אים אַליין כּמה מאָל מיט מיינע אויגין געזעהען ער איז זייער גרויס און ליגט אויף דעם וועג פֿון קאָוונע ניט וויט פֿון דאָלנע . נון דער ציילען אַלטע לייט איך גלויב ווירדיגע מענשען דער צו . דאָס דיזער שטיין האָט אין זיך געהאַט דיא סגולה מיט אַיאָר פֿופֿציג צוריק דאָס וויא ער פֿלעגט נור דער הערען דעם האָן קרייען צוועלף ביי נאַכט פֿלעגט ער זיך דרייא מאָל אומקערען . און מען זאָגט נאָך דאָס ער האָט אין זיך דיא סגולה נאָך איצונד אויך . און אונזער גאַנצע שטאָט האַלט עס פֿאַר אַגעוויסע זאַך זעלבסט דיא אויפֿגעקלערטע גלויבען עס אויך . און מאַנכע פֿון זייא שווערען דאָס זייא וואַרען דער ביי כּמה מאָל . דיזע אַלע ספּורים מיינע טייערע לעזערין האָב איך צוזאַמען געקליבען פֿון אַלטע ספּורים און פֿון אַלטע פּנקסים . און מיט דער צייט וועלען מיר מעהרער דער פֿון שרייבען . דען עס פֿערזיסט מאַנכע זייערע שטונדע . און גיסט באַלזאַם אין מאַנכע גייסטעסע וואונדע . דיא פּויליך רופֿען עס גאַווענדע . דער טייץ רופֿט עס לעגענדע . און אידעשער פֿעבעל רופֿט איצונדער . מיט דעם נאָמען נאַטעס וואונדער .